STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07358

TEATER-SHPILN

Leah Kapilowitz Hofman

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

טעאטער־שפּילן

פון

לאה ק. האָפמאַן

אַרויסגעגעבן פון
ס. יאַנקעוויטש, 181 איסט בראָדוויי,
ניו יאָרק
1930

Copyright, 1930 by
לאה ק. האָפמאַן.

אינהאַלט:

די הגדה — — — — — — — — — — — — — — 7

פורים־שפיל — — — — — — — — — — — — — 27

דער חנוכה־טאַנץ — — — — — — — — — — — 35

פאַנטאַסטישע טעאַטער־שפילן — — — — — — — — 41

דער אַלף־בית — — — — — — — — — — — — — 55

רעאַליסטישע טעאַטער־שפילן — — — — — — — — 67

געזאַלצענע באָב — — — — — — — — — — — — 80

רויטע טאָרט — — — — — — — — — — — — — 87

יומטובים טעאַטער־שפּילן

די הגדה

פּורים שפּיל

דער חנוכה טאַנץ

די הגדה

(אַ פאַנטאַסטישער טעאַטער־שפּיל אין דריי בילדער)

פּערזאָנען:

דער טאַטע.
די מאַמע.
דודל.
מירעלע.
פּרעה.
פּרעה׳ס טאָכטער.
צוויי שטערן־זעער.
משה.
די בני ישראל.
די פיר בנים.
פּרעה׳ס דינער, לייבוואַך, סאָלדאַטן און שקלאַפן.
פּרעה׳ס טאָכטער׳ס דינערינס.

ערשטע בילד.

א סדר. עס זיצן ביים סדר דער טאַטע, די מאַמע, דודל, מירעלע. דער טאַטע און די מאַמע זאָגן די הגדה, מירעלע האלט דאָס קעפּל אָנגעשפּאַרט אָן טיש און שלאָפט. דודל מישט די הגדה און קוקט אויף די בילדער. דער טיש זעט אוים ווי נאָכן עסן.

דודל: פּאַפּאַ, זאָג ניט די הגדה, האָסט שוין גענוג געזאָגט. זאָג מיר בעסער, פאר וואָס האָט מען עס געשריבן אין א שפּראַך, וואָס קיינער פארשטייט נישט?

טאַטע: אז דו פאַרשטייסט ניט, מיינסטו, אז קיינער פאַר־שטייט ניט.

דודל: דו פאַרשטייסט?

טאַטע: אודאי פאַרשטיי איך.

דודל: (ווייזט אויף אַ וואָרט אין דער הגדה) וואָס מיינט דאָס?

טאַטע: דאָס איז גאָר אַן אַלט וואָרט, ווייס איך דאָס ניט.

דודל: (ווייזט אויף נאָך אַ וואָרט) און דאָס?

טאַטע: דאָס איז אויך גאָר אַן אַלט וואָרט, ווייס איך דאָס אויך ניט.

דודל: און די אַנדערע ווערטער, ווייסטו?

טאַטע: איך ווייס.

דודל: טאַ דערצייל מיר, וואָס עס איז געשריבן אין דער הגדה.

טאַטע: לאָז מיר צורו, אַט וועל איך זיך איצט אוועקזעצן דיר דערציילן אין מיטן סדר.

דודל: איך ווייס פאַר וואָס דו ווילסט מיר ניט דערציילן.

טאַטע: פאַר וואָס?

דודל: ווייל דו דערציילסט מיר קיינמאָל ניט, און קיינער דערציילט מיר גאָרנישט, און איך פאַרשטיי ניט, צו וואָס דו דאַרפסט זאָגן די הגדה אַז דו ווייסט עס סיי ווי, און אַז איך ווייס ניט און וויל עס וויסן, דערציילסטו מיר נישט.

טאַטע: (צו דער מאַמען) וואָס זאָגסטו ווי דיין זון האָט זיך צו'טענה'ט אין מיטן סדר, האַ?

מאַמע: נו זאָג אים אַביסל, זאָל ער פאַרשטיין, ער איז דאָך אַ קינד, ער וויל וויסן.

טאַטע: נו, טאַ הער זיך איין: עבדים הינו, קנעכט זיינען מיר געווען במצרים, אין מצרים.

דודל: מיר זיינען געווען קנעכט אין מצרים?

טאַטע: יאָ.

דודל: איך אויך?

טאַטע: נאַריש אינגל, ניט דו און ניט איך, אָבער מיר, אונדזער פאָלק, די אידן, פאַרשטייסט ניט?

דודל: יא, איך פארשטיי. נו, איז וואס איז געווארן?

טאטע: משה האט זיי ארויסגעפירט פון מצרים.

דודל: יא, יא, איך געדענק טאקע!

טאטע: וואס מיינסטו, דו געדענקסט, ביזט דען געווען דער־ביי?

דודל: איך בין ניט געווען, אבער דער רבי האט אונדז דער־ציילט. איך ווייס א סך זאכן. איך ווייס ווי משה איז געשוואו־מען אין א קעסטעלע אויפן טייך נילוס און פרעה'ס טאכטער האט דערזען דאס קעסטעלע, האט זי ארויסגעצויגן משה'ן פון טייך. אך, איז דאס געווען שיין! נאך דעם אז משה איז אויסגעוואקסן, האט ער ארויסגעפירט די אידן פון מצרים, און די אידן זיינען געגאנגען איבערן ים און די מצרים האבן זיי נאכגעיאגט, זיינען זיי דער־טרונקען געווארן. גוט פאר זיי!

טאטע: אז דו ווייסט אלץ, טו וואס זשע פרעגסטו און לאזט מיר ניט זאגן די הגדה? (צו דער מאמען) דו הערסט, ווי ער ווייסט און לאזט מיר ניט לעבן מיט זיינע פראגן? (נעמט זיך צו דער הגדה).

דודל: אוי, אט איז ווי משה דער'הרג'עט דעם מצרי! אה! אט איז פרעה'ס טאכטער! נאר דא איז זי גארניט קיין שיינע און טראגט ניט קיין שיינע קליידער. (צום טאטן) פא! פאר וואס איז זי דא ניט קיין שיינע, און טראגט ניט קיין שיינע קליידער?

טאטע: ווער?

דודל: פרעה'ס טאכטער.

טאטע: וואס דארפסטו זי זאל זיין א שיינע און טראגן שיינע קליידער?

דודל: איך דארף ניט, אבער פרעה איז דאך געווען א קעניג, פאר וואס זאל זיין טאכטער גיין א בארוועסע?

טאטע: וואס ארט דיך, אז זי גייט א בארוועסע? זי וועט זיך ניט פארקילן.

דודל: (הערט ניט דעם טאטן) אין דער מואווי איז זי געווען אזוי שיין און אזון שיין אנגעטאן, און אך, ווי זי האט געטאנצט! פא, האסט געדארפט זען ווי זי האט געטאנצט. (ער שרייט) פא! (מירעלע כאפט זיך אויף, קוקט זיך ארום).

טאַטע: וואָס ווילסטו?
דודל: פאַ, פאַר וואָס גייסטו ניט אין מואווי?
טאַטע: צו וואָס דאַרף איך דיין מואווי, צו וואָס?
דודל: וואָלסטו געזען ווי זי האָט געטאַנצט.
טאַטע: ווער?
דודל: פּרעה׳ס טאָכטער.
טאַטע: דודל, זאָג די הגדה און דריי מיר ניט קיין קאָפּ מיט דיינע מואווים. פון וואַנען ווייסן זיי דאָרט אין די מואווים וועגן פּרעה׳ס טאָכטער? זיי זיינען דאָך גוים. (נעמט זיך צו דער הגדה).
מירעלע: (צו דער מאַמען) מאַמע! אליהו הנביא איז שוין געווען?
מאַמע: שלאָף, שלאָף, ער איז נאָך ניט געווען.
מירעלע: ווען קומט ער?
מאַמע? באַלד.
מירעלע: ווען באַלד?
מאַמע: אָט האָסטו דיר די צווייטע טעג יום־טוב, איצט וועט זיך אָנהייבן אַ ניי־פּרעגעניש. מע טאָר ניט ריידן ביים סדר, מע דאַרף זאָגן די הגדה.
מירעלע: אָבער דודל רעדט, מעג איך אויך ריידן.
מאַמע: דו לערן זיך ביי דודלען, וועסטו זיין אַ ליים. (מירעלע פאַרטראַכט זיך און שלאָפט איין).
דודל: אוי, אָט זיינען די פיר בנים. דער איז דער חכם, דער איז דער רשע, דער איז דער תם און דער איז דער שאינו־יודע־לשאול. פּאַ, צו וואָס דאַרף מען דעם שאינו־יודע־לשאול?
טאַטע: צו וואָס דאַרף מען דיך וואָס דו האָלסט אין איין פרעגן, און לאָזט ניט אָפּריכטן אַ סדר ווי סע בעדאַרף צו זיין?
דודל: (הערט ניט דעם טאַטן) דער חכם איז זייער אַ קלוגער, איאָ, פּאַ?
טאַטע: וואָס דען, אַ אַ נאַר וועט ער זיין?
דודל: און דער רשע איז זייער אַ שלעכטער? אָבער ווי שלעכט איז ער פּאַ?
טאַטע: ווידער אַמאָל פּאַ? פון וואַנען זאָל איך דיר וויסן ווי שלעכט ער איז? איך קען אים דען?

דודל: און דער תם, וואָס איז ער?

טאַטע: דער תם איז אַ נאַריש אינגל, ווי דו. טשעפּע זיך בעסער אָפּ פון מיר. אַזאַ אינגעלע ווי דו האָט שוין געמעגט קע־נען זאָגן די הגדה, ניט זיצן און דרייען אַ ספּאָדיק מיט נעכטיקע טעג. וויפיל יאָר גייסטו שוין אין חדר?

מאַמע: צוויי יאָר.

טאַטע: זעסט, צוויי יאָר געגאַנגען אין חדר און קאָן ניט זאָגן די הגדה.

דודל: איך קען זאָגן די הגדה.

טאַטע: טאָ פאר וואָס זאָגסטו ניט?

דודל: איך פאַרשטיי ניט, וואָס עס מיינט.

טאַטע: מען דאַרף ניט אַלץ פאַרשטיין. נאָר ער וויל אַלץ פאַרשטיין. גו, זיי ניט קיין שגץ און זאָג די הגדה. זאָג! זאָג איך דיר! (דודל הייבט אָן זאָגן די הגדה און פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע, ווענדט זיך ווידער צום טאַטן).

דודל: פּאַפּאַ, און פּרעה ווער איז געווען?

טאַטע: אַ דזשעניטאָר.

דודל: ניין, זאָג מיר!

טאַטע: דו ווייסט דאָך, ער איז געווען דער מלך פון מצרים. (זאָגט די הגדה).

דודל: יאַ, דער מלך פון מצרים, ער איז אָבער געווען אַ שלעכטער. אוי, סאַראַ שלעכטער ער איז געווען! ער האָט געהייסן אַריינוואַרפן אַלע אידישע אינגלאַך אין טייך, האָט מען דערפאַר אַריינגעוואָרפן משה'ן אין טייך. נאָך גוט, וואָס זיין מאַמע האָט אים אַריינגעלייגט אין אַ קעסטעלע, אַז ניט וואָלט ער אויך דערטרונקען געוואָרן, און ס'וואָלט ניט געווען ווער עס זאָל אַרויספירן די אידן פון מצרים. (פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע) פּרעה'ס טאָכטער איז טאָקע געווען אַ גוטע, און וואָסערע אַ שיינע זי איז געווען! און זי איז געגאַנגען זיך באָדן. (ער שרייט) פּאַ! איאָ זי איז געגאַנגען זיך באָדן? (מירעלע באַפּט זיך אויף).

טאַטע: (גיט זיך אַ כאַפּ) ווער איז געגאַנגען זיך באָדן?

דודל: פּרעה'ס טאָכטער.

טאַטע: פּרעה'ס טאָכטער? יאָ, זי איז געגאַנגען זיך באָדן. ער ווייס, דער שייגעץ. (נעמט זיך צו דער הגדה).

מירעלע: (צו דער מאַמען) נו, ער איז נאָך ניט געקומען?

מאַמע: ניין, ער איז נאָך ניט געקומען.

מירעלע: מאַ, דו דענקסט ער'ט קומען?

מאַמע: וואָס דען, ער'ט ניט קומען?

מירעלע: פאַראַיאָרן איז ער ניט געקומען.

מאַמע: ער איז געקומען, ער איז געקומען.

מירעלע: איך האָב אים ניט געזען.

מאַמע: דו קענסט אים ניט זען.

מירעלע: פאַר וואָס?

מאַמע: ווייל קיינער קען אים ניט זען.

מירעלע: טו ווי אַזוי ווייסט מען צי ער קומט?

מאַמע: מען ווייסט און הער אויף דולן אַ קאָפּ.

מירעלע: אָבער ווי ווייסט מען?

מאַמע: אָט אַן אָנשיקעניש, פריער ער און איצטער זי. הער מיך אויף צו פרעגן, זאָג איך דיר! (מירעלע זיצט שטיל ביז זי שלאָפט איין).

דודל: און זי איז געווען אַ גוטע, האָט זי גענומען משה'ן צו זיך. און זי איז געווען אַזאַ שיינע. פּאַ! איאָ זי איז געווען אַ שיינע?

טאַטע: ווער?

דודל: פּרעה'ס טאָכטער.

טאַטע: ווידער אַמאָל פּרעה'ס טאָכטער. וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף פּרעה'ס טאָכטער? וואָס אַרט דיך, צי זי איז געווען אַ שיינע!

דודל: ס'אַרט מיך, ווייל איך האָב זי געזען.

טאַטע: וואו האָסטו זי געזען? (ער נעמט זיך צו דער הגדה).

דודל: אין די מואָווים, כ'האָב דאָך דיר געזאָגט. זי האָט געטאַנצט און זי האָט געטראָגן זייער שיינע קליידער און לאַנגע האָר. (פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע). קיין זון האָט ער מסתמא ניט געהאַט, פּרעה. איאָ, ער האָט ניט געהאַט קיין זון?

טאַטע: ווער?

דודל: פרעה.

טאַטע: ווער? פרעה? ער האָט געהאַט, ער האָט געהאַט. און הער שוין אַמאָל אויף מיר דרייען א מות.

דודל: אָבער פון וואָנען ווייסטו, אז ער האָט געהאַט?

טאַטע: ווייל אַז עס איז געווען די צענטע מכה, מכות בכורות, איז געשטאָרבן זיין בכור. (פאַרטיפט זיך אין דער הגדה).

דודל: אהא, דער בכור איז דאָך דער עלצטער, האָט ער מסתמא געהאַט נאָך זין. וויפיל זין האָט ער געהאַט? פאַר וואָס דערציילט מען גאָר נישט וועגן די זין? ווי אַלט איז געווען דער בכור? פאַ! ווי אַלט איז געווען דער בכור?

טאַטע: וואָסער בכור?

דודל: פרעה׳ס.

טאַטע: פרעה׳ס בכור? איך ווייס נים, איך בין נים געווען אויף זיין ברית. (זאָגט די הגדה).

דודל: איז ער געווען א שיינער?

מאַמע: אָט עט מען דיר אריינשיקן זיין פאָטאָגראַפיע, וועסטו זען. וועסט שוין באַלד פרעגן צי ער האָט ליב געהאַט לאָקשן ווי דו.

דודל: טאַטע, מאַמע, פאַר וואָס האָסטו היינט נים געקאָכט קיין לאָקשן?

מאַמע: אָט א חכם א זון, ס׳איז דאָך היינט פסח, ווי זאָל איך דיר קאָכן לאָקשן?

דודל: יאָ, טאַטע אמת, כ׳האָב גאָר פאַרגעסן

מאַמע: נעם זאָג די הגדה, ווארים מען דארף צו דיר האָבן א הארץ פון אייזן, אז דו עסט זיך איין ווי א קלעשט, זאָג די הגדה, זאָג איך דיר! (דודל נעמט זיך זאָגן די הגדה און שלאָפט איין)

(פאָרהאַנג)

צווייטע בילד.

די סצענע שטעלט פאָר עגיפּטן. אין הינטערגרונט זעען זיך פּיראַמידן און אַ ספינקס. אין פאָדערגרונט פון ביידע זייטן שטייען אָבעליסקן. אין דער רעכטער זייט שטייט פּרעהס טראָן אויף אַ פּלאַטפאָרמע מיט פינף טרעפּ. אין דער לינקער זייט שטייט די הגדה, אַ בוך די גרויס פון אַ טויער.

די בינע איז טונקל ווען דער פאָרהאַנג הייבט זיך אויף. עס הייבט אָן ווערן ליכטיקער מיט פאַרביקע, פאַנטאַסטישע ליכט. די פאַרבן בייטן זיך. באַלד ווי דער פאָרהאַנג הייבט זיך אויף שפּילט די מוזיק אַן אָווערטור, די דריטע טייל פון „עגיפּטישן באַלעט" פון לודזשיני. נאָכדעם שפּילט אַ מאַרש די העראָאישע טייל פון „עגיפּטן" פון דזש. ס. זאַמעטשניק.

מיט דעם מאַרש עפנט זיך די הגדה. פּרעה מאַרשירט ארויס אין אַ גראַנדיעזן קעניגלאכן מאַרש. באַלד לעבן אים גייען זיינע לייב־וואַך. נאָכדעם גייען די צוויי שטערן־זעער, נאָכדעם די דינער און סאָלדאַטן.

פּרעה מיט זיינע לייב־וואַך מאַרשירן ארויף אויפ'ן טראָן־פּלאַטפאָרם. פּרעה זעצט זיך אויפן טראָן, די לייב־וואַך שטעלן זיך הינטער אים פון ביידע זייטן. די צוויי שטערן־זעער שטעלן זיך אויף אַ נידעריקע פּלאַטפאָרם לעבן פּרעהן. די דינער לייגן זיך צופוסן פון טראָן אויף די טרעפּ. די סאָלדאַטן שטעלן זיך אויס אין צוויי רייען לינקס. זיי שטייען שטייף מיט העקעלאַך אין די הענט. אַז פּרעה ווערט בייז בוקן זיי זיך טיף. ער גיט זיי אַ צייכן מיטן האַנט, הייבן זיי זיך אויף און שטייען ווידער שטייף. אויך די שטערנזעער בוקן זיך פאַר פּרעהס צאָרן, אָבער ניט אַזוי טיף. די דינער אויף די טרעפּן פאַלן פון איין זייט אויף דער אַנדער זייט. אַלע באַוועגונגען ווערן געמאַכט מיט אַמאָל און זיינען ריטמיש ווי אַ טאַנץ.

פּרעה אַז ער ווערט בייז הייבט ער זיך אויף, דאַן פאַלן אַלע. אין זיי זעצן זיך צוריק גיט ער דעם צייכן זיי זאָלן זיך אויפהייבן.

פּרעה: (גיט אַ קלאַפּ מיט זיין סצעפּטער) איך בין דער גרויסער פּרעה! דער מעכטיקער פּרעה! איך בין דער גרעסטער פון מענטשן און דער קליגסטער פון געטער. בוקט זיך צו אייער גאָט! (אַלע בוקן זיך. פּרעה גיט זיי א צייכן אויפצוהייבן זיך. ער ווענדט זיך צו די שטערן־זעער). און איר, קלוגע שטערן־זעער, דערציילט מיר, וואָס זאָגן די שטערן?

ערשטער שטערן־זעער: די שטערן זאָגן אַ סך זאַכן און מיר ווייסן ניט וואָס דער גרויסער פּרעה וויל הערן.

פּרעה: דערציילט מיר אַלץ.

ערשטער שטערן־זעער: אַלץ איז ניט מעגלאַך.

פּרעה: פאַר מיר, דעם גרויסן פּרעה, איז אַלץ מעגלאַך!

ערשטער שטערן־זעער: אַז דו וועסט מיר ערלויבן, גרויסער פּרעה, וועל איך דיר באַווייזן אַז פאַר דיר איז אויך אַלץ ניט מעג־לאַך.

פּרעה: דאָס קען ניט זיין, ווייל איך בין אַ גאָט!

ערשטער שטערן־זעער: אַ גאָט קען אויך ניט טאָן אַלץ, וואָס ער וויל.

פּרעה: איר זייט איבער קלוג און איר רעדט מאָדנע רייד. מאַכט מיר קלאָר דעם מיין פון אייערע ווערטער.

צווייטער שטערן־זעער: גרויסער פּרעה! די מעכטיקע גע־טין די זון קען ניט שיינען ביינאַכט. זי מוז נאָר שיינען בייטאָג. ס'איז אודאי דאָ עפּעס, וואָס צווינגט איר טאָן וואָס זי טוט.

פּרעה: וואָס איז דער „עפּעס”?

צווייטער שטערן־זעער: מיר ווייסן ניט.

פּרעה: און וואָס טוט די זון ביינאַכט? ווייסט איר דאָס?

צווייטער שטערן־זעער: יאָ, גרויסער פּרעה, מיר ווייסן. ביי־נאַכט שיינט זי אין אַנדערע לענדער.

פּרעה: אין וואָסערע לענדער?

צווייטער שטערן־זעער: אין ווייטע, פרעמדע לענדער, וואָס מיר ווייסן אפילו ניט וואָסערע מענטשן דאָרט וואוינען און צי זיי האָבן געשטאַלטן ווי מיר אָדער זיי האָבן אפשר זיבן קעפּ.

פּרעה: פון וואַנען ווייסט איר, אַז די זון שיינט ביינאַכט אין אַנדערע לענדער?

צווייטער שטערן־זעער: מיר ווייסן, ווייל זי קומט אַרויס אין דער פרי פון אַן אַנדער זייט, ווי זי איז אוועק פאַרנאַכט.

פּרעה: איר זיינט טאַקע קלוגע שטערן־זעער. וואו לערנט איר אייער חכמה?

ביידע צוזאַמען: (איינטאָניג און לאַנגזאַם) ביי די שטערן.

פּרעה: זיינען די שטערן זייער קלוג? ווייסן זיי אַלץ?

ערשטער שטערן־זעער: זיי זיינען זייער הויך, זיי קוקן אראָפּ און זעען די גאַנצע וועלט און ווייסן וואָס אומעטום טוט זיך.

פּרעה: זאָגן די שטערן אַז ערגעץ איז דאָ אַזאַ גרויסער פּרעה, ווי איך?

ערשטער שטערן־זעער: זיי זאָגן אַז איצט ניט. (צום עולם) עס וועט אָבער זיין.

פּרעה: פון וואַנען ווייסן זיי?

ערשטער שטערן־זעער: זיי לעבן אייביק און זיי ווייסן וואָס עס איז געווען מיט טויזנטער יאָרן פריער און וואָס עס וועט זיין מיט טויזנטער יאָרן שפּעטער.

פּרעה (נייגעריק) וואָס וועט זיין מיט טויזנטער יאָרן שפּעטער?

ערשטער שטערן־זעער: די וועלט וועט ווערן אַנדערש.

פּרעה: די ערד און די ים׳ען?

ערשטער שטערן־זעער: ניין, די מענטשן.

פּרעה: (איראָניש) זיי וועלן ניט האָבן די נעזער אויף די פּנים׳ער?

ערשטער שטערן־זעער: (מיט אַ ביטערן שמייכל צום עולם) דאָס וועלן זיי האָבן.

פּרעה: נאָר?

ערשטער שטערן־זעער: (מיטן זעלבן שמייכל) נאָר זיי וועלן זיי ווישן מיט ווייסינקע טיכלאַך.

פּרעה: אַלע מענטשן?

ערשטער שטערן־זעער: אַלע.

פּרעה: און די שקלאַפן?

ביידע צוזאַמען: (אין אַ נביאישן טאָן פון ווייטקייט) עס וועלן ניט זיין קיין שקלאַפן!

פּרעה: (הייבט אָן ווערן אין כעס. ביים סוף פון זאַץ הייבט ער זיך אויף אין צאָרן). דאָס איז ניט מעגלאַך! שטערן־זעער, איר ווייסט ניט וואָס איר רעד!! (אַלע בוקן זיך).

צווייטער שטערן־זעער: אַזוי האָבן געזאָגט די שטערן. (ביידע פאַרנייגן זיך). מיר זיינען ניט שולדיק.

פרעה: (האַלב צו זיך) אַלע מענטשן ווילן זיך ווישן די נעז מיט ווייסינקע טיכעלאַך, און ס'ווילן ניט זיין קיין שקלאַפן? אַט דאָס איז מיט די שטערן־זעער, פאַר גרויס קלוגשאַפט ריידן זיי נאַ־רישקייטן. (בייט דעם טאָן) און וואו וועט מען נעמען אַזוי פיל ווייַ־סינקע טיכעלאַך?

צווייטער שטערן־זעער: די מענטשן ווילן זיי מאַכן אין גרוי־סע פאַבריקן.

פרעה: גרעסערע פאַבריקן פון מיינע וואָס באַוואַסערן די פעלדער?

צווייטער שטערן־זעער: אַ סך גרעסערע.

פרעה: (ענדיקט די ווערטער אין צאָרן) איך וויל ניט. וואָס קענען מיר טאָן דאָס זאָל ניט געשען? גיט מיר אַן עצה? אַז ניט ווער איך בייז און איך הייס אייך טויטן! (אַלע בוקן זיך).

צווייטער שטערן־זעער: גרויסער פרעה! קיין עצה דערצו איז ניטאָ, לאָז אונז ניט טויטן, גרויסער פרעה. מיר האָבן דיר צו זאָגן גרויסע זאַכן, וואָס די שטערן האָבן אונדז דערציילט.

פרעה: אָבער איך וויל ניט די מענטשן מיט טויזנטער יאָרן שפּעטער זאָלן האָבן גרעסערע פאַבריקן, ווי מיינע. איך וועל אויפ־בויען נאָך גרעסערע פאַבריקן אין מיינע צוויי שטעט פּיתום און רעמסס. און מיינע פּיראַמידן וועל איך לאָזן בויען הויך ביזן הימל. (צו די סאָלדאַטן) איך באַפעל, אַז מען זאָל אַרויפלייגן צוויי מאָל אַזוי פיל אַרבעט אויף די שקלאַפן, און ווער עס וועט ניט פאַרטיק מאַכן זיין טייל אַרבעט וועט פאַרשמיסן ווערן פון דער בייטש!! (אַלע בוקן זיך.)

עשטער שטערן־זעער: די שקלאַפן זיינען די בני ישראל, זיי האָבן געפונען זייער גאָט און זייער פירער, און דו וועסט זיי מוזן באַפרייען.

פרעה: זייער גאָט איז אַ פרעמדער, איך קען אים ניט און איך וועל אים ניט אַריינלאָזן אין מיין לאַנד, און זייער פירער האָב איך געלאָזט דערטרינקען מיט אַלע אינגלאַך פון די בני ישראל אין'ם נילוס.

ערשטער שטערן־זעער: זייער פירער לעבט, ער איז דאָ.

פרעה: (גיט זיך אַ כאַפּ) ער איז דאָ? ווער האָט אים באַ־האַלטן?

ערשטער שטערן־זעער: דו און דיין פּאַלאַץ.

פרעה: (אין כעס) איך וועל אייך לאָזן טויטן פאַר אייערע טונקעלע רייד!! (אַלע בוקן זיך).

ערשטער שטערן־זעער: אָבער דאָס וועט ניט העלפן. די בני ישראל האָבן זייער גאָט און זייער פירער.

צווייטער שטערן־זעער: און זיי וועלן ארויסגיין פון מצרים.

פרעה: (צו די סאָלדאַטן) נעמט זיי געפאַנגען! (צוויי סאָל־דאַטן גייען צו, שטעלן זיך ביי די זייטן פון די שטערן־זעער.)

ערשטער שטערן־זעער: גרויסער פרעה! לאָז אונז דערציילן וואָס די שטערן זאָגן.

פרעה: וואָס זאָגן די שטערן?

ערשטער שטערן־זעער: זיי זאָגן, אז די בני ישראל וועלן זיין פול איבער דער גאַנצער וועלט.

פרעה: און זיי וועלן מאכן פאַבריקן פון ווייסינקע טיכעלאַך און וועלן זיך ווישן די נעז דערמיט?

ערשטער שטערן־זעער: יא, מיין האר.

פרעה: (צו די סאָלדאַטן אין צאָרן) נעמט זיי צו דער תליה! (אַלע בוקן זיך.)

עס הייבט אָן שפּילן אַ שיין מעלאָדישער עגיפּטישער מאַרש. אַלע ווערן פאַרכשופט. פרעה זעצט זיך, אַלע הייבן זיך אויף, קוקן מיט גרויס דערוואַרטונג צו דער הגדה. עס עפנט זיך די הגדה, און מיט די מוזיק ערשיינט פרעהס טאָכטער. פיר שקלאַפן טראָגן איר אויף אַ טראָגשטול, שטעלן איר אַוועק אין מיטן דער בינע. נאָכן טראָג־שטול גייען אירע באַדינערינס. אַלע בוקן זיך פאַר איר. זי גיט זיי אַ צייכן אויפצושטיין. זי הייבט זיך אויף פון איר שטול, מאַכט אַ רייצנדן זשעסט צו פרעהן און רופט אוים.

פרעה׳ס טאָכטער: גרויסער האר און פאָטער!

פרעה: (ווייך) קום אהער, מיין טאָכטער, רייד. (זי גייט צו צו אים, זעצט זיך אים צופוסן, קוקט אים אַריין אין פנים מיט רייץ).

פרעה׳ס טאָכטער: גרויסער האר און פאָטער, צו וואָס צאָרנט דייי האַרץ אויף די קלוגע שטערן־זעער? איז ערשטנס. צווייטנס:

איך בין שוין פון לאַנג אַ גרויס מיידל, מיט וועמען וועל איך חתונה האָבן?

פרעה: די קלוגע שטערן־זעער ריידן טונקעלע רייד, און זיי דערצאָרענען מיך. און וועגן אַ חתן פאַר דיר, וועלן מיר לאָזן פרעגן די שטערן.

פרעה׳ס טאָכטער: וואָס זיינען די טונקעלע רייד פון די שטערן־זעער?

פרעה: אַז די שטערן זאָגן, אַז די בני ישראל האָבן געפונען זייער גאָט און זייער פירער, און זיי וועלן אַרויסגיין פון מצרים, און —

פרעה׳ס טאָכטער: און וואָס נאָך?

פרעה: און זיי וועלן זיין פול איבער דער גאַנצער וועלט, און —

פרעה׳ס טאָכטער: און וואָס נאָך?

פרעה: און זיי וועלן מאַכן ווייסע טיכעלאַך אין גרויסע פאַב־ריקן, און —

פרעה׳ס טאָכטער: און וואָס נאָך?

פרעה: (אין קלימאַקס פון זיין צאָרן) און זיי וועלן זיך ווישן די נעז דערמיט!!! (אַלע בוקן זיך.)

פרעה׳ס טאָכטער: גרויסער האר און פאָטער.

פרעה: (באַרואיקט) רייד, מיין טאָכטער.

פרעה׳ס טאָכטער: און אַז דו וועסט לאָזן אויפהענגען די קלוגע שטערן־זעער, וועסטו דאָס פאַרמיידן?

פרעה: יאַ.

פרעה׳ס טאָכטער: אָבער זיי זיינען גערעכט. די בני ישראל האָבן זייער גאָט יהוה. ער איז אַ שטאַרקער גאָט. און משה איז זייער פירער.

פערה: (אין צאָרן) משה׳ן וועל איך לאָזן טויטן!! (אַלע בוקן זיך).

פרעה׳ס טאָכטער: גרויסער האר און פאָטער.

פרעה: רייד, מיין טאָכטער.

פרעה׳ס טאָכטער: משה׳ן האָב איך אַרויסגעצויגן פון טייך נילוס און ער איז אויסגעוואַקסן אַ פרינץ פון פרעה׳ס הויז, און

ער איז קליגער פון אַלע קלוגע און שענער פון אַלע שיינע. איך בעט דיך, טויט אים ניט, איך וועל טאַנצן פאַר דיר מיין שענסטן טאַנץ און וועל ווייך מאַכן דיין האַרץ. לאָז מיך טאַנצן פאַר דיר, גרויסער האַר און פאַטער!

פרעה: טאַנץ פאַר מיר דיין שענסטן טאַנץ.

פרעה׳ס טאָכטער: איך קען ניט טאַנצן אַז די קלוגע שטערן־זעער זיינען געפאַנגען. לאָז זיי פריי, איך בעט דיך, גרויסער האַר און פאַטער!

פרעה: (צו די סאָלדאַטן) לאָזט זיי פריי. (די סאָלדאַטן גייען צוריק צו זייערע פּלעצער. פרעה צו דער טאָכטאָר) טאַנץ פאַר מיר דיין שענסטן טאַנץ!

די מוזיק הייבט אָן שפּילן די צווייטע טייל פון „עגיפּטישן באַלעט" פון לודזשיני. די טאָכטער גייט אַרונטער, טאַנצט אַ רעליגיעז־עראָטישן טאַנץ. זי פאַרכשופט אַלעמען, אויך פרעהן. ביים סוף פון טאַנץ גייט זי אַריין אין איר טראָג־שטול, זי זעצט פאַר אירע שלאַנגישע זשעסטן אין שטול זיצנדיק, זי רופט פרעהן מיט אירע שלאַנגישע הענט. די שקלאַפן טראָגן איר לאַנגזאַם צו דער הגדה. פרעה הייבט זיך אויף, גייט איר נאָך. נאָך אים זיינע לייב־וואַך און די דינער. נאָכדעם די שטערן־זעער און די סאָלדאַטן. זיי גייען אַלע צום ריטם פון די מוזיק פון דער פּרינצעסנס טאַנץ, וועלכע ווערט פאַרגעזעצט ביז אַלע גייען לאַנגזאַם אַריין צוריק אין דער הגדה.

די הגדה פאַרמאַכט זיך און עס הערט זיך פון וויטן די מוזיק.

די סצענע ווערט ליכטיקער. עס שפּילט די מוזיק פאַרן חכם. דער חכם קומט אַרויס פון דער הגדה און זינגט.

חכם:

כ׳האָב געזוכט אַ קאַסטן חכמה,
און געפונען בלויז אַ האָר;
צו געפינען מערער חכמה
דאַרף מען לעבן טויזנט יאָר.

גיב איך אייך דאָס ביסל חכמה,
ס׳וועט אייך לערנען זוכן מער;
כ׳האָף איר וועט דאָס האַלטן טייער,
ס׳איז מיר אָנגעקומען שווער.

(ער שטעלט זיך אַן אַ זייט ווי אַ דיינקער. די מוזיק שפּילט דאָס ליד פאַרן רשע. דער רשע קומט ארויס און זינגט).

רשע:

כ׳בין אַ שלעכטער מענטש, אַ רשע,
כ׳בין פון שלעכטן מאַטעריאַל;
כ׳האָב אַ לעק געטאָן מיין הארץ,
איז דאָס געוועזן ביטער — גאַל.

כ׳זאָג אייך אויס דעם גאַנצן אמת,
זיין אַ רשע ז׳ניט כדאַי;
נאָר ווען גאָט האָט מיך באַשאַפן,
בין איך ניט געווען דערביי.

(ער שטעלט זיך לעבן חכם מיט אַ בייזע מינע. עס שפּילט די מוזיק פאַרן תם. דער תם קומט ארויס און זינגט).

תם:

די וועלט איז אַ פאַרדרייעניש,
איך בלאָנדזשע הער און הין;
איך ווייס ניט וואָס צו פרעגן
און איך ווייס ניט וואו איך בין.

ס׳איז אַ גרויסע וועלט מיט זאכן,
ס׳איז אַ גאַנצער טאַראַראַם.
נאָר איך פאַרשטיי אַ האָר ניט,
ווייל איר ווייסט דאָך — כ׳בין אַ תם.

עס שפּילט די מוזיק פאַרן שאינו יודע לשאול (די זעלבע מוזיק ווי פאַרן תם). דער שאינו יודע לשאול קומט ארויס. ער מאַכט מימיקע צו די מוזיק פון דעם תמס פערזן. ער שטעלט זיך נאָכדעם לעבן תם אין אַ קאָמישע הילפלאָזע פּאָזע.

חכם: רשע, תם, און שאינו יודע לשאול!
די בנים: (אַלע אויף אמאָל) הא?

חכם: האָט איר געהערט, וואָס עס קומט פאָר?

רשע: וואָס?

חכם: משה איז צוריקגעקומען פון מדיון.

רשע: נו, וואס־זשע איז?

חכם: ער איז געקומען אַרויספירן די בני ישראל פון מצרים.

רשע: פרעה וועט אים לאָזן טויטן, ביי פרעה'ן איז איינס־צוויי, אָט אזוי (ווייזט אויפן האַלז) און פארטיק.

חכם: ניט ביי משה'ן.

רשע: ווער אַזוינס איז משה?

חכב: משה איז געשיקט געוואָרן פונ'ם גרויסן, שטאַרקן גאָט יהוה. דער גאָט האָט זיך באַוויזן צו אים אין אַ ברענענדיקן דאָרן.

רשע: (איראָניש) אזוי, אין אַ ברענענדיקן דאָרן דו הערסט, תם? דו הערסט, שאינו יודע לשאול, דער גאָט יהוה האָט זיך באַוויזן אין אַ ברענענדיקן דאָרן. (די צוויי בנים קוקן זיך איבער תמיעוואַטע).

חכם: דער גאָט יהוה גיט די בני ישראל דאָס לאַנד פון מילך און האָניק, וואס ער האָט צוגעזאָגט זייערע אבות אברהם, יצחק און יעקב.

רשע: פרעה וועט זיי נאָכיאָגן מיט זיינע רייטוועגן.

חכם: יהוה וועט זיי באַשיצן.

רשע: דער גאָט יהוה קען ניט אַריינקומען אין מצרים. די געטער פון מצרים וועלן אים ניט לאָזן.

חכם: די געטער פון מצרים זיינען געמאַכט פון שטיין און פון גאָלד און זיי קענען זיך ניט רירן.

רשע: און דער גאָט יהוה?

חכם: יהוה איז אין הימל, אין וואָלקן און אין פייער, ער איז אומעטום, אין שטורם און אין שטילקייט.

רשע: ניט איך וויים פון אַזאַ גאָט, ניט איך וויל וויסן. (צום תם) ווייסטו פון אַזאַ גאָט?

תם: איך וויים ניט, אפשר ווייסט ער (ווייזט אויפן שאינו יודע לשאול).

שאינו יודע לשאול: (מאַכט אַ קאָמישע מינע, קוועטשט מיט די פּלייצעס) וועראיך?

חכם: מיר לעבן אין א נייער צייט, ס'וועלן געשען גרויסע וואונדער.

רשע: ווער האָט געבראַכט די נייע צייט, יהוה?

חכם: יאָ, דער גאָט יהוה איז אַ גערעכטער גאָט, ער האָט מער ניט געקענט צוזען דעם פּיין פון די בני ישראל און ער האָט געשיקט משה'ן זיי דערלייזן.

רשע: פון וואַנען האָט זיך גענומען דיין יהוה, און וואו איז ער געווען אַזוי לאַנג?

חכם: ער האָט געוואַרט ביז עס וועט קומען אַ גרויסער פירער, וועמען ער זאָל קענען שיקן אין שליחות צו די בני ישראל.

רשע: און איצט איז געקומען דער גרויסער פירער? ווער איז ער דאָס?

חכם: איך האָב דאָך דיר געזאָגט, ס'איז משה.

רשע: אָ, יאָ, איך האָב גאָר פאַרגעסן.

חכם: (מיט אַ נביאישן טאָן) אָך, עס וועלן געשען גרויסע וואונדער אין אונזער צייט. איך פיל זיך דערהויבן. איך פיל זיך יום־טוב'דיג. איך וויל זינגען אַ לויב צום נייעם גרויסן גאָט יהוה.

רשע: זינג ניט, לאָמיר בעסער טאַנצן, טאַנצן קען איך אויך. מיר'ן אלע טאַנצן. (צו די אַנדערע בנים) קומט, לאָמיר טאַנצן!

(די מוזיק הייבט אָן שפּילן דעם טאַנץ פון די בנים. זיי טאַנצן אַ עגיפּטישן פריילאַכן טאַנץ מיט שאַרפע, שפּיציגע פיגורן, און טאַנצן אַרויין אין דער הגדה וועלכע עפנט זיך פאַר זיי און פאַרמאַכט זיך נאָך זיי.

די בינע ווערט אַביסל טונקעלער. עס הייבט אָן שפּילן דער לאַנג־זאַמער אומעטיקער מאַרש, פון „עגיפּטן". די הגדה עפנט זיך, עס קומען אַרויס די בני ישראל אין אַ פּיינלאַכן שקלאַפן־טאַנץ. זיי זיינען פאַר־מירט אין צוויי רייען, איין ריי מיט פיגורן ווי זיי וואָלטן געטראָגן אַ שווערע משא אויף דער רעכטער האַנט, אין דער הויך, און די משא בויגט זיי אויף הינטער. די אַנדער ריי מיט פיגורן פון מענטשן געשמידט אין קייטן. זיי וואַרפן זיך פון איין זייט אויף דער אַנדער זייט אין פּיינ־לאַכע זשעסטן. ווען די ערשטע טענצערן אין דער ריי הייבט אָן מיט דער רעכטער פוס, הייבט די צווייטע אָן מיט דער לינקער. זיי וואַרפן זיך אין דער ריכטונג מיט וועלכער פוס זיי האָבן אָנגעהייבן, ביידע אין

געגנגעזעצטע ריכטונגען. דאָס זעלבע טוען אַלע אַנדערע אין דער רוי. ביידע רייען צעטיילן זיך אין מיטן פון דער בינע, גייען אין פארשיידענע ריכטונגען ארום דער בינע אַ פּאָר מאָל ביז זיי מאַכן איין צירקל. דאַן לאָזן זיי זיך ארונטער אויף דער ערד אין הילפלאָזע, אומגליקלאכע פּאָזן מיט די קעפּ אַרונטערהייגנגענדיק. זיי בלייבן אַ ווײַלע אין דער פּאָזע. אָן מוזיק. נאָכדעם הייבט אָן שפּילן דער הערןאָישער מאַרש פון דעם ערשטן טייל פון „עגיפּטישן באַלעט" פון לודזשיני. די בני ישראל הייבן אויף לאַנגזאַם די קעפּ. הערן זיך איין, דרייען אוים לאַנגזאַם די קעפּ צו דער הגדה. עס עפנט זיך די הגדה. משה באַווייזט זיך אין אַ רעליגיעז-פייערלאכער פּאָזע. די בני ישראל שרייען אוים אַלע מיט אַמאָל:

משה!

אין אַ פּאַנטאָמימע־טאַנץ גייט משה צו צו זיי, רעדט צו זיי, אַגיטירט זיי, זאָגט זיי אַז יהוה אין הימל האָט אים געשיקט צו זיי אַז זיי זאָלן זיך באפרייען. ער גייט ארויף אויפן טראָן, אַגיטירט זיי פון טראָן, באַגייסטערט זיי. זיי הייבן זיך אויף און שרייען אוים אַלע מיט אַמאָל אין אַ פריידיקן טאָן:

משה!

די מוזיק הייבן אָן שפּילן די ערשטע טייל פון עגיפּטישן באַלעט. זיי טאַנצן אַ פרייליכן באפרייאונג־טאַנץ. אין מיטן טאַנץ צום הערןאָישן מאַרש פּאַזירן זיי מיט די הענט אויסגעשטרעקט צו משהן. משה גייט צו צו זיי מיט די מוזיק פון הערןאָישן מאַרש, שטעלט זיך אין מיטן ראָד וואָס זיי האָבן געמאַכט. זיי טאַנצן ארום אים. ווען דער הערןאָישער מאַרש ווידערהאָלט זיך אין דער מוזיק, גייט משה אַרויס פון מיטן ראָד, שטעלט זיך צווישן די בני ישראל, דרייט זיך אוים, ווערט דער פירער פון אַ מאַרש, מאַרשירט ארום דער בינע אין אַ שיין־פּאַרמירטן מאַרש מיט העלדישע זשעסטן און אַ סך באַגייסטערונג, וואָס שאַפט דעם קלימאַקס צום גאַנצן אַקט.

די הגדה עפנט זיך און זיי מאַרשירן אריין אין דער הגדה. אין גרוים עקסטאַז. די מוזיק פון משהס העלדישן מאַרש ווערט פאַרגעזעצט. די הגדה פאַרמאַכט זיך לאַנגזאַם, די מוזיק ווערט אַלץ שטילער און שטילער ביז עס הערט אויף).

פּ א ר ה א נ ג.

דריטע בילד.

(די דריטע סצענע, ווי די ערשטע,ביים סדר. דודל כאַפּט זיך אויף, רייבט די אויגן פון שלאָף, קוקט זיך אום. ער לאָזט זיך מאַרשירן ווי די שקלאַפן האָבן מאַרשירט נאָך משהן).

טאַטע: וויי איז מיר, וואָס טוסטו?

דודל: איך גיי אַרויס פון מצרים.

טאַטע: זעץ זיך אוועק ביים טיש, זאָג איך דיר, און הער אויף פּראַווען דיינע שטיק!

מאַמע: אַ קינד זאָל ביים סדר ניט קענען איינזיצן.

דודל: פּאַפּע, מאַמע, מירעלע! קומט לאָמיר אַלע אַרויס־גיין פון מצרים. ס'איז שיין, ס'איז אַזוי שיין! אוי מאַמע, ווי שיין עס איז! האָסט געזען?

מאַמע: וואָס געזען, ווען געזען?

דודל: האָסט געזען מצרים, און פּרעה'ן, און פּרעה'ס טאָכטער, און די בני ישראל? (מאַכט נאָך ווי זיי האָבן מאַרשירט) און די בנים, און משה'ן. אָך, משה'ן! האָסט ניט געזען משה'ן, מאַמע? (די מאַמע מיטן טאַטן קוקן זיך איבער און קוועטשן מיט די פּליי־צעס).

טאַטע: דודל, זעץ זיך אוועק ביים טיש, זאָג איך דיר! (דודל זעצט זיך ביים טיש).

דודל: פּאַפּאַ, וואָלסטו ניט געוואָלט זיין משה? (צו דער שוועסטערל) מירעלע, ווער וואָלסטו געוואָלט זיין?

מירעלע: איך? — מערי פּיקפאָרד.

דודל: גיי, ביזט אַ נאַר. פּרעה'ס טאָכטער איז טויזנט מאָל שענער פון מערי פּיקפאָרד, און זי האָט אַרויסגעצויגן משה'ן פון טייך. וואָס האָט געטאָן מערי פּיקפאָרד? דו זיי בעסער פּרעה'ס טאָכטער און איך'ל זיין משה.

מירעלע: וואָס־זשע וועט זיין?

דודל: איך וועל אַרויספירן די אידן פון מצרים און דו וועסט טאַנצן פאַר פּרעה'ן.

מירעלע: איך קען ניט טאַנצן פאַר פּרעה'ן.

דודל: פאַר וואָס?

מירעלע: ווייל מיר טוט וויי א פוס.

טאַטע: שטיל זאָל זיין!

דודל: פּאַפּא, לאָז מיך זיין משה. איך וועל באפרייען די אידן

טאַטע: די אידן זיינען שוין באַפרייט.

דודל: אַלע אידן?

טאַטע: אַלע.

דודל: און די וואָס זיינען ניט באַפרייט?

טאַטע: טשעפּע זיך אָפּ פון מיר!

דודל: וועל איך שוין ניט האָבן וועמען צו באַפרייען?

טאַטע: וועסט האָבן, וועסט האָבן, וואַקס אָקאָרשט אויס ווי ס'באַדאַרף צו זיין.

דודל: וועל איך זיין אַ משה?

טאַטע: וועסט זיין.

(דודל הייבט זיך אויף פון טיש און נעמט מאַרשירן העראָיש. עס הערט זיך די מוזיק פון משהס העראָישן מאַרש. ער מאַרשירט אַרויף אויפן טיש, מאַכט די זשעסטן וואָס משה האָט געמאַכט צו די בני ישראל, הייסט זיי זיך אויפהייבן. דער טאַטע און די מאַמע הייבן זיך אויף דער־שאָרקענע שרייען אויס ביידע אויף אמאָל:

ד ו ד ל !).

פ א ר ה א נ ג.

באַמערקונג:

די מוזיק פון פרעהס טאָכטערס מאַרש און פון די בנים צום זינגען און צום טאַנצן קען איך ניט אָנגעבן וואו צו נעמען, ווייל דאָס איז ניט געדרוקט. אַלעקסאַנדער לודזשינים „עגיפּטישן באַלעט" און „עגיפּטן" פון דזש. ס. זאמעטשניק קען מען קריגן אין די מוזיק־געשעפטן.

איך דאַנק:

די „הגדה" אַזוי ווי זי איז איצט האָב איך אויפגעשריבן מיט דער הילף פון חיים פּאַמעראַנץ און בן ציון גאָרדאָן. דער ערשטער האָט מיר געהאָלפן מיט זיין וואַרימער באַציאונג צו דער ערשטער רויער ווערסיע דערפון און מיט זיין פּאַרלאַנג אויפצופירן עס אין די שלום עליכם־שולן אין שיקאַגאָ. דער צווייטער, מיט זיין נעמען די פּיעסע אין זיינע הענט צום אויפירן און מיט זיינע גוטע עצות אַלס ערפאַרענער רעזשיסאָר מיט פיינעם קינסטלערישן געשמאַק. איך דאַנק אייך, מיינע פריינט!

פורים שפּיל

(אַ פאַרס אין דריי סצענעס)

פּערזאָנען:

קעניג אחשורות.
אסתר המלכה.
מרדכי.
המן.
זיפּע.
ליפּע.
צוויי וואַפּן־טרעגער.

ערשטע סצענע.

(זיפּע און ליפּע קומען אריין מיט פּאַלמען־בלעטער אין די הענט. זעצן זיך).

זיפּע: אוי, איך קען שוין נים שטיין אויף די פים! איך מוז מיך זעצן.

ליפּע: איך אויך אַזוי.

זיפּע: דאָס איז אַ נאַריש לעבן. אַ גאַנצן טאָג דאַרף איך שטיין, פאָכן און פאָכן, פאָכן און פאָכן. כ'וואָלט געוואָלט לויפן אין

דרויסן און עפּעס אַ גוטן שטיף־טאָן, אָבער אַ גוטן, און דאָ דאַרף איך שטיין אַ גאַנצן טאָג לעבן קעניג, פאָכן און פאָכן, פאָכן אוי פאָכן, אַז עס נעמט גאָר קיין סוף ניט.

ליפּע: איך אויך אַזוי.

זיפּע: דעם קעניג איז אַזוי הייס, וואָס מ׳דאַרף אים כסדר פאָכן?

ליפּע: ס׳איז אים ניט הייס, נאָר ער איז אַ גרויסער קעניג.

זיפּע: אַז ער איז אַ גרויסער קעניג, דאַרף מען אים פאָכן? (קוקן זיך ביידע אָן).

ליפּע: יאָ.

זיפּע: ווי גרויס איז ער?

ליפּע: ער איז זייער גרויס, ער קעניגט איבער הונדערט מיט זיבן־און־צוואַנציג מדינות.

זיפּע: איבער הונדערט מיט זיבן־און־צוואַנציג מדינות!

ליפּע: איבער הונדערט מיט זיבן־און־צוואַנציג מדינות.

זיפּע: זעסטו, דאָס וואָלט איך שוין ניט געקענט, דאָס מוז זיין זייער שווער.

ליפּע: שווער, וואָס עפּעס שווער? אונזער קעניג האָרעוועט זיך, חלילה, ניט איבער. ער זיצט און לאָזט זיך פאָכן, און אַז עס ווערט אים לאַנגווייליג, הייסט ער אוים׳הרג׳ענען אַ פאָלק, און עס ווערט אים פריילאַך.

זיפּע: וואָס פאַר אַ פריילאַכקייט איז אין אוים׳הרג׳ענען אַ פאָלק?

ליפּע: ביי אַ קעניג איז דאָס אַ פריילאַכקייט.

זיפּע: ווען איך וואָלט געווען אַ קעניג, וואָלט איך כסדר געטאַנצט. איך האָב אַזוי ליב טאַנצן. קום, ווען מיר כאַפּן אַ טענצל, ביז דער קעניג וועט אויפשטיין.

(עס דערהערט זיך אַ טרובענען. עס קומען אריין די וואָפן־טרעגער מיט שיינע קאָלירטע טרובעס).

זיפּע: גראַנדיעזע וואָפן־טרעגער, איר האָט עפּעס נייע בשורות?

וואַפּן־טרעגער: יאָ, און מיר האָבן נייע טרובעס אָנצואָגן די נייע בשורות.

זיפּע: אַלע מאָל, אַז איר האָט נייע בשורות אָנצוזאָגן, קויפט מען אייך נייע טרובעס?

וואַפּן־טרעגער: יאָ.

זיפּע: צו וואָס דאַרף מען דאָס?

וואַפּן־טרעגער: ווייל ס'איז שיין אָנצוזאָגן נייע בשורות מיט נייע טרובעס.

זיפּע: (צו ליפּעין) הערסט, ליפּע! ס'איז שיין אָנצוזאָגן נייע בשורות מיט נייע טרובעס.

ליפּע: אודאי איז עס שיין. (צו די וואַפּן־טרעגער) וואָסערע בשורות האָט איר, גוטע צי שלעכטע?

וואַפּן־טרעגער: מיר ווייסן נישט, וועלכע זיינען גוט און וועלכע זיינען שלעכט.

זיפּע: זאָגט אונז, וועלן מיר אייך זאָגן.

וואַפּן־טרעגער: אָבער מיר טאָרן ניט זאָגן, ביז עס קומט די צייט דערפאַר.

זיפּע: זאָגט אונז שטילערהייט, מירן קיינעם ניט זאָגן.

ליפּע: יאָ, זאָגט אונז.

(די וואַפּן־טרעגער בויגן זיך איין און זאָגן זיפּען און ליפּען שטילערהייט).

וואַפּן־טרעגער: נו, איז דאָס גוט, צי ס'איז שלעכט? (זיפּע און ליפּע קוקן זיך איבער).

זיפּע: איך ווייס ניט.

ליפּע: איך ווייס אויך ניט.

וואַפּן־טרעגער: טאָ וואָס־זשע וועט זיין, אַז מיר ווייסן ניט?

ליפּע: גאָרנישט. מירן כאַפּן אַ טענצל.

(די מוזיק הויבט אָן שפּילן. אַלע פיר טאַנצן. און טאַנצן אַרויס).

צווייטע סצענע.

(עס קומט אריין מרדכי מיט א זאק איבערן קאפ, זעצט זיך אויף דער ערד און טוט תפילה).

מרדכי:

רבונו של עולם! הער צו מיין געבעט,
הער צו דאס געבעט פון דיין קנעכט.
דו ביזט דאך דער גרויסער, דער מעכטיגער גאט,
און דו ביזט דאך אימער גערעכט.

רבונו של עולם! איך שטיי דא פאר דיר,
און לאז דיך ניט אפ פונם ארט,
דיין פאלק זאלסטו ראטעווען, מעכטיגער גאט,
לאז הערן דיין געטלאכן ווארט.

(עס קומט אריין המן, גיט א קוק אויף מרדכי'ן, ערשטוינט).

המן: וואס טוסטו דא, מרדכי? כ'האב דיך ארומגעזוכט איבער'ן גאנצן שטאט.

מרדכי: דו דארפסט מיך האבן? אזא גרויסער האר, ווי דו ביזט.

המן: יא, איך דארף דיך האבן.

מרדכי: צו וואס, מיין האר?

המן: איך דארף דיך אויפהענגען.

מרדכי: מיך אויפהענגען!

המן: יא, איך האב עס אראנזשירט מיטן קעניג.

מרדכי: מיין עצה וואלט געווען, זאלסט זיך ניט איילן אזוי.

המן: וואס מיינסטו, זיך נישט איילן? דאס דארף זיין א מאטינע־פארשטעלונג אויף דריי אזייגער, און מיינע בינע־הענט ארבעטן שוין אויף דער תליה פון נעכטן אן.

מרדכי: זייער פיין. אָבער איך וואָלט געוואָלט איין קליי־ניגקייט.

המן: וואָס?

מרדכי: אז דער הויפּט־אַקטיאָר צו דער פֿאָרשטעלונג זאָל זיין דו אליין.

המן: דאָס קען ניט זיין. מיר האָבן אויסגעקליבן אַ אידן, ווייל מיר דאַרפן ניט קיין אידן. זיי ריידן אַ שפּראַך, וואָס מיר פֿאַרשטייען ניט, און זיי דינען אַ גאָט, וואָס מיר קענען ניט. וואָס טויגן אונדז אידן? דאָס בעסטע וועט זיין, אז מ׳וועט זיי געבן אַלעמען אַ הרג׳ע־אוים, און פֿאַרטיג. מירן אָנהויבן מיט דיר. זאָלסט זיין גרייט צו דער תליה אויף דריי אזייגער, דו הערסט!

(זינגט: „ס׳איז נאָך אַזאַ רשע״, פון זונ׳ מאָוד).

„ס׳איז נאָך אַזאַ רשע קיינמאָל ניט געווען,
המן בן המדסה, דאָס בין איך אַליין״.

(טאַנצט און טאַנצט ארוים).

(עס קומט אריין אסתר)

אסתר: אָ, מיין טייערער, פרומער, גוטער פעטער מאָטל! ווי איז מיר, ווי דו זעסט אוים! וואָס האָט דאָ געטאָן דער רשע?

מרדכי: וואָס זאָל טאָן אַ רשע? ער׳ט געטאָן רשעות. ער בארימט זיך, אַז ער האָט אראַנזשירט מיך אויפצוהענגען פאַר אַ מאַטינע־פֿאַרשטעלונג, דער רשע.

אסתר: מיין טייערער פעטער מאָטל, זאָרג זיך ניט, ווייל איך האָב פאַר דיר אַ פריילאַכע, פריילאַכע בשורה, אַ בשורה׳לע אַ מחיה צו הערן!

מרדכי: אי־אי־אי־אי! וואָס?

אסתר: איך האָב אים שוין צורעכט געמאַכט, דעם קעניג. ער האָט אַרונטערגענומען די גזירה אויף אידן.

מרדכי: טאַקע!

אסתר: טאַקע.

מרדכי: און מיך וועט מען שוין ניט הענגען?

אסתר: הענגען וועט מען דעם רשע.

מרדכי: אי־אי־אי האָב איך אַ פּלימעניצע, איינס אין אַ וועלט! אוי, מיין אסתרל! מיין אסתרל! אז דו ביזט שוין יאָ אַזאַ וועלט־חכמה, זאָג מיר, וואָס זאָל איך טאָן מיט דעם זאַק.

אסתר: דעם זאַק וועל איך אריינלייגן אין מיין שאַץ־קאַמער פאַר אַ סואוועניר.

מרדכי: אי־אי־אי! פאַר אַ סואוועניר. (נעמען דעם זאַק יע־דער ביי אַ ברעג און גייען אַרויס).

דריטע סצענע.

(עס קומען אריין אחשורוש מיט אסתר'ן; זיפּע און ליפּע גייען זיי נאָך פּאַכנדיג. דער קעניג און קעניגין זעצן זיך אויפן טראָן; זיפּע און ליפּע שטעלן זיך הינטער זיי).

קעניג: דו ווייסט וואָס, מיין שיינע אסתר?

אסתר: וואָס?

קעניג: מ'וואָלט גאָר געדאַרפט נעמען צו קאַפּעטשקעס.

אסתר: נו, אין וואָס איז די מניעה?

קעניג: ס'איז טאַקע ניט קיין מניעה. זיפּע און ליפּע, רופט אריין בגת'ן און תרש'ן. (זיפּע און ליפּע קוקן זיך איבער דער־שראָקן).

אסתר: זיי זיינען נעגער, זיי האָבן מורא פאַר טויטע.

קעניג: וואָס הייסט?

אסתר: בגת'ן און תרש'ן האָסטו דאָך געלאָזט אויפהענגען, גע־דענקסט ניט?

קעניג: יאָ, כ'דערמאָן מיך טאַקע. נו, ווער וועט אונז איצט אָנגיסן וויין?

אסתר: מירן זיך אַליין מטריח זיין.

קעניג: אָ, דאָס איז שרעקלאך! אפשר קען אונדז זיפּע און ליפּע אָנגיסן וויין? (זיפּע און ליפּע קוקן זיך איבער דערשראָקן).

זיפּע: מעכטיגער קעניג, מיר קענען בלויז פּאָכן, מער קענען מיר גאָרנישט.

קעניג: טאַ וואַס־זשע וועט זיין? איך שטאַרב נאָך אַ גלעזעלע וויין.

אסתר: (זינגט און גיסט אָן וויין).

„דיין לעצטע דאגה זאָל עם דיר זיין,
נאַ דיר, מיין קעניג, אַ גלעזעלע וויין".

(זי שכור'ט איין דעם קעניג. ער שלאָפט איין. זי גייט אַראָפּ פון טראָן און זינגט).

„שיין, שיין, בין איך שיין,
אסתר איז מיין נאָמען;
קלוג און גוט בין איך אויך,
ווייל איך בין פאָלקאָמען.
גערא־טעוועט מיין אָרים פאָלק
האָב איך היינט באַגינען;
קענט איר ערגעץ אין דער וועלט
אַזאַ ווי איך געפינען.

אחשורוש איז אַ נאַר,
כ'הער אים ווי דעם קאָטער;
און אַז ער טרינקט זיך אָן מיט וויין,
ווער איך פון אים פּטור.
כ'בין אַ קעניגין אַ שיינע
און קען פירן פּאָליטיק.
הונדערט זיבן־און־צוואַנציג מדינות
איז דאָך ניט קיין קליינער גליק.

איך בין אָבער דאָ, אין פּערסיע,
פּערסיע איז דאָך ניט פּאַריז,
כ'קען ניט זינגען אויף דער בינע,
אוי, ווי לאַנגווייליג מיר איז!
וויין אָבער קען איך טרינקען,
טאַנצן פריילאך קען איך אויך;
טאַנץ איך מיר אַ טאַנץ מיט פייער,
אַז עס גייט אַזש אַ רויך. (טאַנצט).

(עס הערט זיך אַ טרובענעז. עס קומען אריין די וואָפן־טרעגער. דער קעניג כאַפּט זיך אויף פונם טרובענען).

וואָפן־טרעגער: די מאַטינע־פאָרשטעלונג הויבט זיך אָן! די מאַטינע־פאָרשטעלונג הויבט זיך אָן!

קעניג: וואָס איז דאָס פאַר א מאַטינע־פאָרשטעלונג? זיי לאָזן ניט צומאַכן מיט אַן אויג!

אסתר: דו ווייסט גאָר ניט וועגן דער מאַטינע־פאָרשטעלונג?

קעניג: פון וואַנען זאָל איך וויסן?

אסתר: דו האָסט דאָך עס אַליין אַראַנזשירט מיט המנ׳ען!

קעניג: נו, אפשר, ווען וועט מען אויפהענגען?

אסתר: המנ׳ען.

קעניג: איך האָב אַראַנזשירט מיט המנ׳ען אויפצוהענגען המנ׳ען! כאָטש איך בין אַ קעניג פון הונדערט מיט זיבן־און־צוואַנציג מדינות, קען איך דאָס ניט פאַרשטיין. (די וואָפן־טרעגער טרובענען).

אסתר: גרויסער קעניג, אײַל זיך צו, ס׳איז שפּעט. (זי העלפט דעם קעניג אויפשטיין).

קעניג: ס׳טע געזען אַן אָנשיקעניש מיט אַ מאַטינע־פאָרשטעלונג! איך שטאַרב שלאָפן. אסתר, מיין קרוין, גיי דו אַליין, איב׳ל דערוויי̈ל כאַפּן א דרעמל.

אסתר: ניין, מיין גרויסער קעניג, די פאָרשטעלונג איז פאַר דיין כבוד, ווייל דו ביזט דער קעניג איבער הונדערט מיט זיבן־און־צוואַנציג מדינות און קעניגסט פון הדו ביז כוש.

קעניג: יאָ, טאַקע, פון הדו ביז כוש. איך קען אָבער ניט שטיין אויף די פיס, איך בין אזוי שלעפעריג. (געגעצט. אַלע גייען אַרויס).

פאָרהאַנג.

מוזיק פאַר די טענץ איז פון „דהי פערזיאַן מאַרקעט״, פון אַל־בערט קעטעלבעי. דער כושים־טאַנץ איז צו דעם ערשטן טייל „די קעמל־טרייבער״. דער אסתר־טאַנץ הויבט זיך אָן מיט „די שיינע פרינצעסין״ גייט איבער צו די „שלאַנג־צויבערער״, נאָכדעם צו די בעטלער אין מאַרק און ענדיקט זיך מיט דער „אַלגערישער ליד״.

דער חנוכה טאַנץ

(אַ טעאַטער־שפּיל אין צוויי סצענעס)

פּערזאָנען:

רחלע.
די פינף אותיות אינם וואָרט „חנוכה"

ערשטע סצענע.

(אַ קינדער־צימער. רחלע קומט אריין מיט אַ גרויסע ליאַלקע, זי עסט אַ לאַטקע. זי זעצט זיך און נעמט די ליאַלקע אין שויס און רעדט צו איר).

רחלע: שולמית, דו מיינסט אַז היינט איז עפּעס גלאַט אזוי אַ טאָג? האָסט ניט געטראָפן. היינט איז חנוכה און היינט איז מיין געבורטסטאָג. אַלע יאָר איז חנוכה און אַלע יאָר איז מיין געבורטסטאָג. אָבער אַ יאָר איז אַ לאַנגע, לאַנגע צייט. דו ווייסט ניט, ווייל דו ביסט נאָך קיין יאָר ניט אַלט. ערשט נעכטן האָט מען דיך געקויפט. אָבער דיין געבורטסטאָג איז אויך חנוכה. איבער אַ יאָר וועל איך דיר מאכן אַ פּאַרדי. כ׳וועל איינלאַדן אַ סך געסט. ווייסט וועמען? אסתר׳ס נייע ליאַלקע און שרה׳ס צוויי אַלטע ליאַלקעס. איינע האָט שוין ניט קיין קאָפּ און ביי דער אנדערער איז אָפּגע־ריבן דאָס פּנים, אָבער זיי האָבן נאָך גוטע הענט און פיס און זיי קענען זאָגן מאַ. און ווייסט וועמען נאָך איך וועל איינלאַדן? עטעלע׳ס נייעם טעדי בער. אוי, גוט! אוי, גוט!

(כאפט די ליאַלקע, טאַנצט מיט איר זינגענדיק די ערשטע מעלאַדיע פון ליד נומער צוויי פון לאַזאַר סאַמינסקים:
"Ten Hebrew Folk Songs and Folk Dances."
טראַלאַלאַ לאַלאַ, טראַלאַלאַ לאַלאַ, טראַלאַלאַלאַ לאַלאַ לאַלאַ. בים. זעצט זיך ווידער מיט דער ליאַלקע, רעדט צו איר ווידער).

רחלע: דו ווייסט, שולמית? איך קען שוין שרייבן מיין נאָמען. און ווייסט נאָך וואָס, איך קען שרייבן? איך קען שרייבן חנוכה, אָט נאָ, ועסטו זען.

(נעמט אַ טאָוול און קרייד פון אירע צאַצקעס, שרייבט און זינגט־צו מיט די צווייטע מעלאַדיע פון ליד נומער 2)

טראַלאַלאַ, לאַלאַ, טראַלאַלאַ
בים.
דאָס איז אַ „ח" און דאָס איז אַ „נ";
וואַרט וועסטו זען, וואָס כ'וועל מאַכן דערפון.
(זינגט די דריטע מעלאָדיע)
טראַלאַלאַלאַ, לאַלאַ, לאַלאַלאַ.
בים.
(זינגט)
דאָס איז אַ „ו" און דאָס איז אַ „כ",
און דאָס איז אַ „ה", וואָס ער לויפט נאָך צום סוף.
(זינגט צו)
נאַ דיר די קרייד און שרייב איצט אַליין,
נאָר זע צו שרייבן ריכטיק און זע צו שרייבן שיין.
(זינגט צו)

(זעצט אַוועק די ליאלקע ביים טאָוול, לאָזט זיך טאַנצן. טאַנצט אַ טאַנץ צו דאָס גאַנצע ליד. נאָכן טאַנצן וועגדט זי זיך ווידער צו דער ליאַלקע. זי נעמט איר אין שויס און רעדט צו איר).

רחלע: אוי, שוין שפעט. דו דאַרפסט גיין שלאָפן. קום, וועל איך דיך לייגן אין בעטעלע און איכ'ל דיר דערציילן אַ מעשה. זאָלסט אָבער איינשלאָפן איידער איך ענדיק, ווייל איך געדענק ניט דעם סוף. (לייגט אַריין די ליאַלקע אין איר בעטעלע. לייגט זיך לעבן איר). אַמאָל איז געווען — אַמאָל איז געווען — אוי, איך

געדענק ניט דעם אָנהייב. איכ'ל דיר בעסער זינגען אַ ליד. (זי זינגט מיט דער מעלאָדיע פון „אַמאָל איז געווען אַ מלך").

לולינקע מיין ליאַלקעלע, לולינקע מיין קינד.
היינט איז אונזער געבורטס טאָג,
שלאָף־זשע איין געשווינד.

אַמאָל איז געווען אַ מעשה
מיט אַ שיינע פרינצעסין,
געדענק איך ניט דעם אָנהייב,
און דעם סוף האָב איך אויך פארגעסן

לולינקע שולמית'קע, לולינקע מיין קינד.
כ'וועל פארשפּעטיגן מיין פּאַרדי,
שלאָף שוין איין געשווינד.

אַמאָל איז געווען אַ — כ'ווייס ניט וואָס.
אפשר א פרינץ און אפשר אַ מאַטראָז.
אוי, איך האָב מורא כ'שלאָף באַלד איין
און וועל אויף מיין אייגענע פּאַרדי ניט זיין.

לולינקע מיין שייניגקע,
לולינקע מיין קינד.

(זינגט, און שלאָפט איין)

פאָרהאַנג.

צווייטע סצענע.

די בינע איז דעקאָרירט מיט אַ סך קאָלירטע קרעפּ־פּאַפּיר. אין מיטן, אָנשטאָט אַ לאָמפּ, הייגגט אַ געבורטסטאָג־קוכן מיט זעקס ליכט וואָס ברענען. דער קוכן איז זייער גרויס און דעקאָראַטיוו און זעט אויס פאַנטאַסטיש. אין הינטערגרונט שטייט רחל'עס בעטעלע. רחל'ע מיט איר ליאַלקע שלאָפן אין בעטעלע.

די מוזיק שפּילט די מעלאָדיע פון „אמאָל איז געווען אַ מלך". נאָכדעם גייט זי איבער צו ליד נומער 2 פון „צען אידישע פאָלקס־לידער און פאָלקס־טענץ". עס שפּילט דורך די גאַנצע ליד. נאָכדעם שפּילט עס דעם אריינפיר. מיט דער מוזיק טאַנצט אריין דער „ח". דער „ח" און די אַנדערע פיר אותיות זיינען פאַרגעשטעלט פון קינדער אין קאָסטיומען וואָס רעפּרעזענטירן יעדער זיין אות.

צו דער צווייטער מעלאָדיע זינגט יעדער אות זיין פערז (די ערשטע מעלאָדיע איז דער אַריינפיר).

ח:

איך בין דער „ח"
נאָך פון גאָר אַלטע צייטן;
הלואי וואָלט מען מיך
אויף א „כ" ניט פאַרבייטן.
(טאַנצט דעם צוזונג)
טראַלאַלאַ לאַלאַ טראַלאַלאַ.
בים.

איך בין דער ערשטער
אין חנוכה צו שטיין.
חנוכה אָן מיר
קען זיך גאָר ניט באַגיין.
(טאַנצט)
טראַלאַלאַ, לאַלאַ, טראַלאַלאַ.
בים.
(דער „נ" טאַנצט אַריין און זינגט)

נ:

איך בין א „נ"
און איך פּאַס זיך אהער.
חנוכה אָן מיר
איז ווי אן עק אָן אַ בער.
(טאַנצט)
טראַלאַלאַ, לאַלאַ, טראַלאַלאַ.
בים.

איך בין שוין א „נ"
פון זייער פיל יאָרן.
און ווי איר קוקט מיך אָן,
בין איך אַלט ניט געוואָרן.
(טאַנצט)
טראַלאַלאַ לאַלאַ, טראַלאַלאַ.
בים.
(דער „ו" טאַנצט אַריין און זינגט).

ו:

איך בין דאַר ווי א שטעקן
און פאַרנעם ווייניק אָרט;
איך ווער אָבער צוויי
אין ווערן" און אין „וואָרט".
(טאַנצט).
טראַלאַלאַ, לאַלאַ, טראַלאַלאַ.
בים.

איך בין איינפאַך געמאַכט,
און איך האָב פיינע זיטן,
און ווי איר זעט אין חנוכה
שטיי איך אין מיטן.
(טאַנצט).
טראַלאַלאַ, לאַלאַ, טראַלאַלאַ.
בים.
(דער „כ" טאַנצט אַריין און זינגט).

כ:

אָן מיר קען זיך חנוכה
אויך ניט באַגיין.
און זעט ווי מיין פינטעלע
גיט מיר צו חן.
(טאַנצט).
טראַלאַלאַ, לאַלאַ, טראַלאַלאַ.
בים.

איך האָב אַ קאָנקורענט
דעם „ק", ווי איר ווייסט,
אָבער נאָר אין העברעאיש,
און דאָס איז מיין טרייסט.
(טאַנצט).
טראַלאַלאַ, לאַלאַ, טראַלאַלאַ.
בים.
(דער „ה" טאַנצט אַריין און זינגט).

ה:

איך בין אַ ה,
און איך קום זייער גערן;
צום שיינעם יום טוב חנוכה
אויך צו געהערן.
(טאַנצט).
טראַלאַלאַ, לאַלאַ, טראַלאַלאַ.
בים.

מיך נוצט מען אַ סך,
און מען מאַכט מיט מיר גרייזן;
אַז איך האַלט דאָס אויס
בין איך שטאַרקער פון אייזן.
(טאַנצט).
טראַלאַלאַ, לאַלאַ, טראַלאַלאַ.
בים.

אַלע אותיות, נאָך זייער זינגען און צוטאַנצן, בלייבן שטיין אין דער אָרדנונג ווי ס'איז געשריבן דאָס וואָרט „חנוכה". דאָס גאַנצע וואָרט טאַנצט צו דער מוזיק פון ליד נומער 2.

די פיגורן פון דעם טאַנץ זיינען מעכאַנישע און צאַצקעמעסיגע. די אותיות טאַנצן מערסטנס איינס מיטן אַנדערן צוויי פאַרלאַך און דער „ו" אין מיטן טאַנצט אַליין אַ מין סאָלאָ. נאָכדעם פאַרוויניקן זיי זיך אין אַ רעדל און פאַרענדיקן דעם טאַנץ אַריבערגעבויגן איבער רחלעס בעטעלע. זיי האַלטן אָן זייער לעצטע טאַנץ-פּאָזע ביז דער פאָרהאַנג גייט אַרונטער לאַנגזאַם מיט די מוזיק פונ'ם טאַנץ.

פאַנטאַסטישע טעאַטער־שפּילן

קראַפט

דער אַלף בית

קראַפט

(אַ סימבאָלישער טעאַטער־שפּיל אין איין אַקט)

פּערזאָנען:

עלעקטרי.
דאַמף.
דער שקלאַף.
ראַדיאָ.
עראָפּלאַן.
מאַדאַם קינאָ.

די סצענע איז האַלב רונד. די ווענט זיינען באַמאָלן מיט אַ לאַנד־קאַרטע און גיט דעם איינדרוק פון אַ האַלבן ערד־קוגל פון אינעווייניק. רעכטס איז דאָ אַ טיר וועלכע שטייט אָפן. אַז דער פאָרהאַנג עפנט זיך איז די סצענע ליידיק. דורך דער אָפענער טיר הערן זיך קלאַנגען פון דער גאַס: פון אויטאָמאָבילן, פון עראָפּלאַנען, פון ראַדיאָ און פּאַנאָ־גראַף. עס הערט זיך אַ קול פון אַ אינגל שרייענדיק: עקסטרא! עק־סטרא! אַלע קלאַנגען מישן זיך אויס אין איינעם.

עס הערט זיך אַ פייפן ווי פון אַ לאָקאָמאָטיוו דורך דער אָפענער טיר קומט אריין ד א מ ף. ער פאַרמאַכט די טיר. דער גאַסן־טומל ווערט שטיל. דאַמף איז אַ גרויסער, גראָבער מאַן מיט אַ גרויסן בויך. ער איז אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן קלייד, וואָס האָט די פאָרם פון אַ לאַנגען, ברייטן רער. דאָס קלייד איז געמאַכט פון שטייפע וואַרע און האַלט אויף די פאָרם. זיין הוטל האָט די פאָרם פון אַ קוימען. זיין פּנים און די הענט זיינען אויסגעשמירט אין סאַזשע. ער קומט אַריין סאָפּענדיק ווי אַ דאַמף־קעסל, און סאָפּעט יעדעס מאָל איידער ער רעדט. ער ווענדט זיך צום פּובליקום.

דאַמף: אַ גוט נאָוועגט מענטשן! געפינען זיך אפשר צווישן אייך מיינע שפּייזער, די קוילן־גרעבער? איך וויל זיי באַדאנקען פאַר די געשמאַקע קוילן, וואָס זיי גראָבן אויס. איך שלינג זיי, אַז עס גייט אַזש אַ רויך.

(עס הייבט אָן בליצן. עלעקטרי טאַנצט אַריין צו דער מוזיק פון „פּעסיפּויד" פון דע ליבס. עלעקטרי איז הויך און דין איר פּנים איז אָנגעפאַרבט מיט ניט נאַטירלאַכע פאַרבן און האָט די פאָרם פון אַ האַלץ־שניט. איר קלייד איז פון בלישצענדיקן טול. זי טראָגט בראַסלעטן, אַ האַלז־באַנד און איז אַרום־געגאַרטלט מיט עלעקטרי דראָט. אויף איר ברוסט געפינען זיך צוויי עלעקטרי קנעפּלאַך אויף אַ שטיק גאָלדענע פּאַפּיר אַרום איר שטערן טראָגט זי אַ קראַנץ פון בליצן פּאַרמיקע בלאַנקע דראָטן. איר היטל האָט די פאָרם פון אַן עלעקטרי לעמפּל און איז פון אינעווייניק באַלויכטן.

איר טאַנץ מיט וועלכן זי טאַנצט אַריין, איז אין אַ שנעלן טעמפּאָ און איז קורץ, נאָכן טאַנצן פאַרנייגט זי זיך צום עולם. זי ווענט זיך צום דאַמף).

עלעקטרי: אַ גוט נאָוועגט קאָזין דאַמף! וואָס מאַכסטו? דו עסט נאָך אַלץ שוואַרצע קוילן אַז עס גייט אַזש אַ רויך?

דאַמף: וואָס מיינסטו, איך קען לעבן פון טאַנצן ווי דו? דו שכור'סט זיך אָן מיט וואַסער־קראַפט און טאַנצסט און טאַנצסט, און טאַנצסט זיך אַריין אין אַ שטימונג, און טאַנצסט אַזוי, אַז ווען מען שטעלט דיך ניט אָפּ איז —

עלעקטרי: איז וואָס?

דאַמף: וואָלסטו געקענט די וועלט איבערקערן. די וועלט איבערקערן! ווי איך בין אַ דאַמף קעסל!

עלעקטרי: די וועלט איז אַ קלוגע, זי קערט זיך אַליין איבער בּיסלאַכווייז. און וואָס געהער זיך אָן מיין טאַנצן, טאַנץ איך ניט צוליב אַפּלאָדיסמענטן. איך טאַנץ, ווייל איך מוז.

דאַמף: (קוקט אויף איר פיגור) ווי דין דו ביסט! (צום עולם) אַז ס'איז היינט אַ צייט פון דיעטעס.

עלעקטרי: וואָס־זשע, ס'געפעלט דיר ניט מיין פיגור און מיין דיעטע? וואָס האָסטו געוואָלט, איך זאָל זיך אָנעסן מיט שוואַרצע קוילן, ווי דו? איך וואָלט זיך חלילה איינגעשמירט מיינע מאַנוקירטע נעגל.

דאַמף: דו ביסט דאָך אָבער אַזוי דין, מיט איין בלאָז קען איך דיך אַוועקבלאָזן.

עלעקטרי: אַנו פּרוביר בלאָז מיך אַוועק! אַמאָל, אַז איך האָב ניט געהאַט אַטאָ דעם קערפּערל מיינעם, האָבן מיך די ווינטן געבלאָזן, אָבער איצט האָב איך מער כּוח אין מיין קליין פינגערל ווי דו אין דיין גאַנצן קערפּער. אַז איך גיב זיך אַ דריי אָט אַזוי (זי דרייט זיך און עס הייבט אָן בליצן), זעסט!

דאַמף: נו, נו, מיין פלינקע קוזינקע, דו טאַנצסט שיין. נאָר אַז דו ביסט שוין יאָ אַזאַ בריה, וויש מיר אָפּ די סאַזשע פון פּנים.

עלעקטרי: וואָס זשע, דו גייסט אויף אַ חתונה?

דאַמף: ניין, אָבער ס'וועלן קומען היינט צו אונז וויכטיגע געסט און קרובים. ס'איז היינט ביי מיר מיין צוויי־הונדערט יאָריקער יובילעאום.

(עלעקטרי נעמט אַרויס אַ טיכעלע פון די פאַלדן פון איר קלייד, ווישט אים דאָס פּנים).

עלעקטרי: דו ביסט שוין אַלט צוויי הונדערט יאָר?

דאַמף: ניין, אָבער איך האָב מורא אַז צו מיינע צוויי הונדערט יאָר וועל איך שוין זיין אין אַ מוזעאום. און כאָטש יובילעאום גראַמט זיך מיט מוזעאום, וועט מען מיר דאַרט קיין יובילעאום ניט מאַכן. כאַפּ איך עס אַריין איצט.

עלעקטרי: זייער פיין, נאָר ווער זיינען אונזערע וויכטיגע געסט און קרובים?

דאַמף: איינעם האָב איך אַרויסגעשלעפּט פון אַ געשיכטע בוך, דעם צווייטן האָב איך אויסגעזוכט אין אַ מושב זקנים פון אַ זאָאָלאָגישן גאָרטן, און די איבעריקע וועסטו זען.

עלעקטרי: צו וואָס האָסטו זיך געדאַרפט מטריח זיין?

דאַמף: מ'קען דאָך ניט האָבן אַ יובילעאום אָן פריינט, דערצו ין איך אויף דער עלטער, אַז מען איז אַלט, זוכט מען פריינט.

עלעקטרי: און אַז מען איז יונג?

דאַמף: אַז מען איז יונג איז די וועלט אַ פריינט.

(עלעקטרי וואַרפט קושן צום פּובליקום.

עס קומט אַריין דער היסטאָרישער שקלאַף. ער איז האַלב נאַקעט, זיין לייב איז אין בלויע שטרייפן, סמנים פון בייטש. ער קניט.

דאַמף: הייב זיך אויף.' ביסט ניט אין די אַמאָליקע צייטן, ביסט אין 20סטן יאָרהונדערט ווען מ'בוקט זיך מער ניט. ביסט געקומען צו מיין יובילעאום, ניט אזוי?

שקלאַף: יאָ, מיין האַר.

דאַמף: וואו איז אונזער קרוב דער פערד?

שקלאַף: ער האָט ניט געוואָלט קומען. ער וויל מ'זאָל שיקן א טעקסי נאָך אים. ער איז אויף דער עלטער, ער קען ניט גיין.

דאַמף: (צו עלעקטריין) דו הערסט? דאָס פערדל וויל מ'זאָל שיקן א טעקסי נאָך אים.

עלעקטרי: וואָס האָסטו געוואָלט, ער זאָל גיין צופוס? די אויטאָמאָבילן װעלן אים נאָך איבערפאָרן.

דאַמף: איצט וועט ניט זיין ווער עס זאָל האלטן א לויב־רעדע צו מיין באנקעט.

עלעקטרי: ניט געזאָרגט. איך וועל אויסטאנצן א לויב־רעדע פאר דיר.

דאמף: דו וועסט אודאי טאנצן דזשעז. איך בין אויף דער עלטער און איך האָב עס פיינט, אויב דו ווילסט טאנצן אָט אזוי (מאַכט גראציעזע זשעסטן), שיין, קלאסיש, וועלן מיר (ווענדט זיך צום שקלאַף) אָנטאָן אונזערע אָפּערא גלעזער און מיר'ן איר זען טאַנצן.

שקלאַף: וואָס וועלן מיר אָנטאָן?

דאַמף: אָפּערא גלעזער.

שקלאַף: וואָס איז דאָס אזוינס?

דאַמף: אָ, איך האָב פארגעסן, אין דיין צייט איז מען ניט געגאַנגען אין אָפּערא. דו ווייסט ניט וואָס אָפּערא גלעזער זיינען. אָפּערא גלעזער זיינען — (ער גיט די אילוזיע פון אָפּערא גלעזער מיט די הענט) אָפּערא גלעזער.

שקלאַף: אהא, און וואָס טוט מען מיט אָפּערא גלעזער?

דאַמף: מ'גייט אין אָפּערא.

(עלעקטרי מאַכט אַ זשעסט פון אַן אָפּערא זינגערן און זינגט אָפּערא מעסיק).

שקלאַף: וואָס איז אַן אָפּערא?

דאַמף: אַן אָפּעראַ איז — ווי זאָל איך עס דיר דערקלערן אויף דיין לשון? אַ מין טעמפּל.

שקלאַף: אָ, אַ טעמפּל. צו וואָסערע געטער דינט מען ביי אייך אין די טעמפּלען?

דאַמף: מיר זיינען קריסטן אָדער אידן. מיר דינען ניט צו געטער.

שקלאַף: אָ, אידן? די אידן קען איך. איך געדענק נאָך די טובה וואָס זיי האָבן מיר געטאָן אַז זיי האָבן נאָך זיבן יאָר מיר געוואָלט באַפרייען, און אַז איך האָב ניט געוואָלט, האָבן זיי מיר צוגעפּירט צום טיר און דורכגעבויערט אַן אויער. ווי האָב איך געקענט זיך באַפרייען אַז איך האָב געדאַרפט איבערלאָזן מיין פרוי און קינדער? און וואו האָב איך געקענט גיין אָן אַ פּרוטה?

עלעקטרי: שקלאַף, דו האָסט אַ פיינעם זכרון. חבר שקלאַף, דו קענסט אודאי דערציילן שיינע מעשות פון דיינע צייטן?

שקלאַף: ניט קיין שיינע און זייער טרויעריקע. דערצו בין איך ניט קיין רעדעוודיקער. איך האָב אַלע מאָל געשוויגן; געליטן און געשוויגן. איצט איז שוין מער ניטאָ אַזעלכע ווי איך, אַיאָ?

דאַמף: ס'איז דוקא יאָ דאָ, נאָר ניט אַלע שווייגן אַזוי ווי דו האָסט געשוויגן.

שקלאַף: וואָס טוען זיי?

דאַמף: זיי ריידן.

עלעקטרי: דוקא גאַנץ הויך.

דאַמף: און אַז עס העלפט ניט דאָס ריידן הערן זיי אויף ארבעטן.

שקלאַף: אַזוי! זיי הערן אויף ארבעט'! שמייסט מען זיי ניט דערפאַר?

דאַמף: מ'שמייסט זיי ניט, נאָר —

שקלאַף: נאָר וואָס?

דאַמף: מ'שיסט זיי מיט ביקסן.

שקלאַף: וואָס איז דאָס?

דאַמף: כ'האָב גאָר פאַרגעסן, אין דיינע צייטן איז נאָך ניט געווען קיין ביקסן. ביי אונז איז דאָ אַזעלכע ביקסן. (גיט די אילוזיע

מיט די הענט ווי א ביקס, אַנגעשטעלט צו שיסן) דאָס גיט א שיס אַרויס א קויל און ס'דער'הרג'עט א מענטשן אויפ'ן אָרט.

שקלאַף: די האָרן דער'הרג'ענען זייערע אייגענע שקלאַפן. עס קאָסט דאָך זיי געלט!

עלעקטרי: עס קאָסט זיי ניט קיין געלט און שקלאַפן זיינען ביי אונז דאָ גענוג.

שקלאַף: פון וואַנען ברענגט מען זיי?

עלעקטרי: מ'ברענגט זיי ניט. זיי וואַקסן אויס אין די גרויסע שטעט.

שקלאַף: און מ'שיסט זיי, מיט וואָס?

עלעקטרי: מיט ביקסן.

שקלאַף: אַך, ווי ביי אייך איז דאָס אַלץ מיט — ווי רופט איר דאָס?

עלעקטרי: ציוויליזאַציע.

שקלאַף: צי—ווי—לי—

עלעקטרי: זאַציע.

שקלאַף: ס'אַ שיינער וואָרט.

עלעקטרי: ביי אונז איז נאָר שיינע ווערטער.

דאַמף: מיר האָבן גרויסע ווערטערביכער (ווייזט מיט'ן האַנט) אַט אַזעלכע גרויסע!

עלעקטרי: און ס'איז פול מיט שיינע ווערטער.

שקלאַף: וואָס טוט איר מיט די שיינע ווערטער?

דאַמף: מיר דרוקן זיי אין צייטונגען און ביכער, און זשור־נאַלן און מירריידן זיי, און וואָס נאָך זאָלן מיר טאָן מיט זיי?

שקלאַף: און די שקלאַפן אייערע וואָס מ'שיסט זיי מיט ביקסן, זיי ריידן אויך שיינע ווערטער?

עלעקטרי: די וואָס ריידן הויך און ווילן אָפּשאַפן שקלאַפעריי, האָבן ניט קיין צייט פאַר שיינע ווערטער, און די וואָס שווייגן ווילן פאַרגעסן די שווערע מאָנאָטאָניגקייט פון פאַבריק ארבעט און זיי גייען אין קינאָ טעאַטער.

שקלאַף: וואָס איז קינאָ טעאַטער?

דאַמף: מאַדאַם קינאָ וועט דאָ היינט אפשר זיין צווישן אונ־זערע געסט, וועסטו זיך באַקענען מיט איר.

שקלאף: איז מאדאם קינא א שיטע דאמע?

דאמף: א שיינע און זייער אן אינטערעסאנטע.

שקלאף: א שאד וואס איך לעב ניט אין אייער צייט, איך וואלט געוואלט זיין אייערער א שקלאף.

עלעקטרי: אז דו וואלסט געווען אונזערער א שקלאף און דו וואלסט געהאט שכל וואלסטו זיך געוואלט באפרייען גלייך מיט אונזערע אומצופרידענע שקלאפן.

שקלאף: וואס הייסט? אז אלע שקלאפן וועלן זיך באפרייען, ווער וועט טאן די ארבעט?

עלעקטרי: איך וועל טאן די ארבעט, מיין קאזין דאמף האט נאך אויך כח ארויסצוהעלפן.

שקלאף: די גאנצע ארבעט וועט פאלן אויף אייך, ס'איז צופיל.

עלעקטרי: ביי מיר איז ארבעט א שיינער טאנץ, און דאמף אז ער עסט זיך אן מיט קוילן איז ער זיך מחיה אז ער קען א גוטן ארבעט טאן.

שקלאף: און וואס וועלן טאן אייערע שקלאפן, אז זיי וועלן ניט ארבעטן?

עלעקטרי: זיי וועלן טראכטן ווי מיר זאלן ארבעטן פאר זיי וואס מער, און זיי וועלן זוכן אין דער ערד און אויף די הימלען.

שקלאף: און וואס וועלן טאן די הארן?

עלעקטרי: מ'דארף ניט קיין הארן. יעדער מענטש דארף זיין א האר בלויז איבער זיך.

שקלאף: איר מיינט צו זאגן, אז אלע מענטשן קענען זיין גלייך?

עלעקטרי: יא, מיין ליבער שקלאף.

שקלאף: דאס איז ניט פאר מיין מוח צו פארשטיין. איך מיין ס'איז אוממעגלאך.

דאמף: אין אונזער צייט זענען מיר זאכן וואס אין דיין צייט האט מען געגלויבט אז ס'איז אוממעגלאך.

שקלאף: זעט מען ביי אייך ערגעץ אז אלע מענטשן זאלן זיין גלייך? איך מיין עס זאל ניט זיין קיין הארן און קיין שקלאפן?

דאמף: יא, ס'איז שוין דא אזא לאנד.

שקלאַף: אזוי! ס'איז שוין דאָ אזא לאנד! נו, זיינען דאָרט די מענטשן גליקלאַך?

דאַמף: די מערסטע זיינען גליקלאַך, און אנדערע זיינען אומ־גליקלאַך.

עלעקטרי: און אנדערע ווייסן ניט וואָס זיי זיינען.

שקלאַף: פאַרוואָס?

עלעקטרי: ווייל מענטשן קענען זיין גלייך אין יחוס אבער ניט אין טראַכטן און פילן. זיי טראַכטן און פילן יעדער אויף זיין אופן. דערצו איז דאָס אַן אַנהייב, און דער אָנהייב איז שווער.

שקלאַף: אַרבעט איר אין יענעם לאַנד?

עלעקטרי: יאָ, זייער אַ סך. (מיקלאַפּט אין טיר).

דאַמף: אַריין!

די שטימע הינטערן טיר: דאָס בין איך, מאַדאַם קינאָ, לעשט אויס די ליכט.

דאַמף: דאָס איז מאַדאַם קינאָ. זי קען ניט אַריינקומען, אַז ס'איז ליכטיק.

(עלעקטרי גיט אַ קוועטש איינס פון אירע קנעפּלאַך עס ווערט פינסטער, עס קומט אַריין מאַדאַם קינאָ. זי איז אַנגעטאָן אין אַן אויסגעשפּרייטן ליילאַך וועלכער האַלט זיך אויף אַ ראָם. איר פּנים איז איבערטריבן אָנגעפאַרבן).

קינאָ: אַ גוט נאָוועגט, מיינע פריינט!

עלעקטרי: אַ גוט נאָוועגט.

דאַמף: אַ גוט נאָוועגט. (דער שקלאַף בוקט זיך).

דאַמף: וואָס מאַכט עפּעס דיין נייע שטימע, וואָס מ'האָט דיר אַריינגעשטעלט?

קינאָ: אַן אַריינגעשטעלטע שטימע איז ווי אַריינגעשטעלטע ציין. ס'איז עפּעס פרעמדלאַך.

דאַמף: און דאָס וואָס מ'האָט דיר אָנגעשמירט די באַקן, ביסטו צופרידן?

קינאָ: ס'נעמט צו מיין נאַטירלאַכן חן, נאָר וואָס זאָל איך טאָן?

(זי שטעלט זיך אַקעגן וואַנט און ס'ווייזט זיך אַ בילד אויף איר. דער שקלאַף וואָס איז געבליבן ליגן אין אַ קניענדע פּאָזע, ווערט באַגייסטערט און חייבט אָן פּאַטשן מיט די הענט).

שקלאַף: אוי, ווי שיין! אוי ווי שיין! אין אונזערע צייטן וואָלט מען געזאָגט, אז מכשפות מאכן דאָס. אָבער ביי אייך איז דאָך ניטאָ קיין כשוף.

עלעקטרי: מיר גלויבן ניט דאָס וואָס מיר זעען ניט מיט די אויגן.

שקלאַף: די אידן אויך ניט?

דאַמף: ניט די אידן, ניט די קריסטן. (עלעקטרי לאַכט) וואָס לאַכסטו?

עלעקטריק: דער גאָט יהוה און יעזוס קריסטוס האָבן זיך נאָך ניט געוויזן פּערזענליך, און מ'גייט אין די שולן און אין די קלויסטערס אויף וואָס די וועלט שטייט.

דאַמף: רעליגיע איז אַ מאַניע, און דערצו אַ גוט געשעפט. און מיר, ציוויליזירטע, זיינען טאָלעראַנט.

עלעקטרי: (צו קינאָן) וואָס זאָגסטו עפּעס, אונזער קינאָ? ווילסט ניט אַנטייל נעמען אין אונזער געשפּרעך?

קינאָ: ניין, איך מיש זיך ניט. ווען הייבט זיך אָן דער באַנקעט?

דאַמף: ס'וועט זיך באַלד אָנהייבן.

קינאָ: אויב אזוי, וועל איך אַריינגיין זיך צוגרייטן פאַר מיין נומער אויפן פּראָגראַם.

דאַמף: זייער פיין. (קינאָ גייט אַרויס).

עלעקטרי: (צום שקלאַף) וואָס וועסטו עפּעס טאָן, חבר שקלאַף, פאַר אונזער פּראָגראַם?

שקלאַף: איך קען גאָר נישט טאָן, איך האָב ניט קיין טאַלאַנט. אפשר קען איך עפּעס טאָן פאַר אייך. איך בין ניט איינגעוואוינט צו שטיין ליידיק.

דאַמף: ביי אונז איז שוין אַלץ אָפּגעטאָן, קענסט זיך פאַר־גינען אויסצורוען דיינע מידע גלידער.

שקלאַף: אפשר קען איך פּאַכן די שיינע דאַמע?

עלעקטרי: מיר איז ניט הייס.

שקלאַף: די אַלטע קעניגנס איז אויך ניט געווען הייס, פונ־דעסטוועגן האָב איך זיי געפּאָכעט.

עלעקטרי: אָבער איך בין נים קיין אַלטע קעניגן.

שקלאַף: איר זיים א יונגע קעניגן, פון וועלכן לאַנד?

דאַמף: פון אַלע לענדער. (שקלאַף בוקט זיך צו איר).

עלעקטרי: וואָס טוט ער?

דאַמף: ער בוקט זיך פאַר דיר.

עלעקטרי: ווער בעט אים?

דאַמף: ער איז איינגעוואוינט, ער קען זיך נים העלפן.

עלעקטרי: שטיי אויף, און גרייט זיך בעסער צו אנטייל נעמען אין פּראָגראַם.

שקלאַף: אפשר קען איך פּאַכן די שיינע דאַמע? לאָזט מיר בעסער אייך פּאַכען, אפשר איז דאָ ביי אייך א פּאַלמען בלאַט?

עלעקטרי: ניין, ניטאָ קיין פּאַלמען בלאַט, אפילו נים קיין פעכער, ניטאָ ביי אונז מיט וואָס צו פּאָכען א חוץ —

דאַמף: מיט דער נשמה.

שקלאַף: אפשר קען איך ביי אייך קריגן א נשמה?

עלעקטרי: מיר האָבן נים קיין נשמה.

שקלאַף: אויב אזוי, וועל איך מוזן פּאָכען מיט די בלויזע הענט.

עלעקטרי: (צו דאַמף) וואָס זאָגסטו, ווי ער האָט זיך אָנגעזעצט אויף מיר מיט זיין פּאָכען?

דאַמף: לאָז אים, א דאגה האָסטו!

עלעקטרי: אין מיטן דערינען פּאָכען, ווען איך האָב כאָטש א דיוואן אויף וואָס צו ליגן.

דאַמף: איכ׳ל ארייַנטראָגן א דיוואן.

שקלאַף: איכ׳ל העלפן.

(זיי גייען ביידע אַרויס און טראָגן אַריין אַ דיוואַן, עלעקטרי לייגט זיך אויפן דיוואן, דער שקלאַף פּאָכעט איר מיט די הענט).

עלעקטרי: וואָס פאַרא לאַנגווייליקע ברואים אייערע אמאָליקע קעניגנס האָבן געמוזט זיין.

שקלאַף: פאַר וואָס?

עלעקטרי: ווייל זיי האָבן זיך געלאָזט פּאַכען, האָבן זיי ניט געהאַט עפּעס וויכטיגעס צו טאָן?

שקלאַף: זיי האָבן געהאַט און האָבן געטאָן.

עלעקטרי: וואָס?

שקלאַף: ס'איז געווען אַ קעניגין וואָס האָט געלאָזט אויסהרג'ענען אַלע אירע קינדער און אייניקלאַך, כדי זי זאָל זיין קעניגין. און ס'איז געווען נאָך אַ קעניגין, וואָס האָט געלאָזט אויס'הרג'ענען אירע שענסטע שקלאַפן.

עלעקטרי: פאַר וואָס?

שקלאַף: פאַר לאַנגווייליגקייט מסתמא. וואָס טוען אייערע קעניגנס צוליב לאַנגווייליגקייט?

דאַמף: זיי לאָזן זיך פאָטאָגראַפירן אין אַלערליי פּאָזעס, פאַר די צייטונגען.

(עס הערט זיך אַ גערודער פון אַן עראָפּלאַן. עס קומט אַריין עראָפּלאַן און ראַדיאָ. עראָפּלאַן איז אָנגעטאָן ווי אַן אַוויאַטאָר, זיין היטל האָט די פאָרם פון אַן עראָפּלאַן, ראַדיאָ איז אַ קינדיש שיין מיידל, באַהאַנגען מיט טיילן פון אַ ראַדיאָ סעט, איר היטל האָט די פאָרם פון אַ ראַדיאָ טרובע).

דאַמף: אָט זיינען אונזערע פיינע געסט, אַ גוט נאָוונט!

עלעקטרי: אַ גוט נאָווענט!

שקלאַף: (בוקט זיך).

עראָפּלאַן און ראַדיאָ: אַ גוט נאָוועוונט!

עראָפּלאַן: איך האָב געוואָלט מיטנעמען מיין פריינט דעם אָטאָמאָביל, האָט ער געהאַט אַן עקסידענט.

דאַמף: אַ שאָד.

עראָפּלאַן: ס'מאַכט ניט, ער איז פאַרזיכערט.

דאַמף: פריילן ראַדיאָ, איך האָב אייך אַרויפגעשטעלט אויפן פראָגראַם, וואָס וועט איר טאָן?

ראַדיאָ: איך וועל ברענגען דעם פישטש פון אַ פייגעלע, וואָס געפינט זיך פאַר טויזנטער מיילן.

דאַמף: דאָס איז אַ פיינער נומער. (ער נעמט אַרויס אַ ביכעלע פון קעשענע און פאַרשרייבט.) אַ פישטש פון אַ פייגעלע, פאַר טויזנטער מיילן.

שקלאַף: וואָסערע גליקלאַכע מענטשן איר זיינט פון דער נייער צייט!

דאַמף: מיר זיינען ניט קיין גליקלאַכע.

עלעקטרי: און מיר זיינען ניט קיין מענטשן.

דאַמף: (צום שקלאַף) דו ביסט דער איינציקער מענטש צווישן אונז קענסטו זיין גליקלאַך אָדער אומגליקלאַך, אָבער מיר זיינען געמאַכט פון אַ מאַטעריע און פון מענטשלאַכע חכמה, מיר האָבען ניט קיין נשמה. מיר זיינען בלויז געצייג אין די הענט פון מענטשן.

שקלאַף: און די מענטשן וואָס נוצן אייך, זיינען גליקלאַך?

עלעקטרי: זיי וואָלטן געווען גליקלאַך, נאָר —

שקלאַף: נאָר וואָס?

עלעקטרי: זיי האָבן ניט קיין צייט.

שקלאַף: אַז איר אַרבעט פאַר זיי אַזוי פיל, פאַר וואָס האָבן זיי ניט קיין צייט?

דאַמף: זיי האַלטן אין איין טראַכטן ווי מיר זאָלן מער אַרבעטן פאַר זיי. און די איבעריקע צייט קריגן זיי זיך און שלאָגן זיך.

שקלאַף: (ערשטוינט) די היינטיקע מענטשן!

דאַמף: די היינטיקע מענטשן. אַז עס קומט צו בייז בלוט, איז ניטאָ קיין היינטיקע און קיין נעכטיקע. זיי זיינען אַלע גלייך.

שקלאַף: אויב אַזוי, גלויב איך ניט אין אייער צי—ווי—לי—

עלעקטרי: זאַציע.

שקלאַף: און איך וועל שוין גיין צוריק צו מיין געשיכטע בוך אויסרוען מיינע אַלטע פאַרגעסענע ביינער.

דאַמף: וואַרט אויס, חבר שקלאַף, וועסט זיין צו מיין באַנקעט. איך האָב געבראַכט צום טיש פון אַלעם גוטן. פאַר דיר אַ געבראָטענע הון, פאַר מיר אַ טאָן קוילן, פאַר עלעקטרין אַ וואַסערפאַל, פאַר עראָפּלאַן אַ פעסל גאַזאָלין. ראַדיאָ זיינגט נאָך ביי עלעקטרי'ן.

שקלאַף: זי איז שוין, דאַכט זיך, באַלד אַ כלה מויד.

עלעקטרי: און איך קען איר ניט אנטוויינען.

שקלאַף: הייסט עס, צו עסן איז ביי אייך דאָ פון פויגל מילך. ווען הייבט זיך עס אָן?

דאַמף: מירן׳ באַלד אָנהייבן, קומט צום טיש.

עלעקטרי: די פּראָגראַם גייט פריער. לאָמיר דורכפירן די פּראָגראַם. (זי הייבט זיך אויף, בלייבט זיצן אויפן דיוואַן) חבר שקלאַף, דו דאַרפסט קענען גוט טאַנצן. אין דיינע צייטן איז דאָך ניט געווען קיין באַלעט, די שקלאַפן זיינען געווען די טענצער. דער־לאַנג אונז עפּעס איינס פון דיינע אַמאָליקע טענץ.

שקלאַף: איך וועל טאַנצן אַ טאַנץ פון אַרבעט.

דאַמף: זייער פיין! לאָמיר זיך זעצן אויפ׳ן דיוואַן. אונזער ליבער חבר שקלאַף וועט פאַר אונז טאַנצן.

(אַלע זעצן זיך אויפן דיוואַן, עס הייבט אָן שפּילן „אָריענטאַל" פון קואי, שקלאַף טאַנצט אַ טאַנץ פון שווערע פיינלאַכע אַרבעט, ביים סוף פון טאַנץ פאַלט ער אַוועק. אַלע לויפן צו צו אים מ׳הייבט אים אויף און מ׳לייגט אים אַרויף אויפן דיוואַן).

עלעקטרי: (לייגט אַרויף איר האַנט אויף זיין שטערן) נו, שקלאַף טייערער, אויב דו ווילסט וועל איך דיר פאָכען.

שקלאַף: (מיט אַ שוואַכע שטימע אָבער מיט געפיל) טאַנץ פאַר מיר, איך וויל זען דעם טאַנץ פון אַרבעט אין די נייע צייטן.

עלעקטרי: יאָ, איך וועל טאַנצן דעם טאַנץ פון אַרבעט אין די נייע צייטן.

(שקלאַף הייבט זיך לאַנגזאַם אויף, בלייבט זיצן אויפן דיוואַן, זיין פּנים דריקט אויס ברענענדיקע נייגעריקייט, אַלע זעצן זיך אויפן דיוואַן. עס הייבט אָן שפּילן „די בין" פון רימסקי קאָרסאַקאָף עלעקטרי טאַנצט אַ שנעלן פרייידיגן טאַנץ, אַלע הייבן זיך לאַנגזאַם אויף גייען אַלץ נעענטער צו איר ווי זי וואָלט זיי צוגעצויגן, אַז זי ענדיקט דעם טאַנץ בלייבט זי שטיין אין אַ פּאָזע פון עקסטאַז, אַלע שטעלן זיך אַרום איר אין פּלאַסטישע פּאָזעס וואָס דריקן אויס פרייד און עקסטאַז. עלעקטרי און די איבעריקע כאַראַקטערן ווערן לעבלאָזע סטאַטועןג. די מוזיק שפּילט נאָך אַמאָל „די בין". דער פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם.

דער אלף בית

(אַ פאַנטאַסטישער טעאַטער־שפּיל אין צוויי בילדער)

פּערזאָנען:

דבורהלע.
די מאַמע.
דער אלף בית פּערזאָניפיצירט.

דירעקציעס פאַר די קאָסטיומען:

די קאָסטיומען קענען זיין געמאַכט פון ווייסע מאַזלין. דער קאָסטיום דאַרף געבן די אילוזיע פון אַ בלאַט פון אַ בוך. ער איז דערפאַר אין ערגעץ ניט פאַרמירט און ניט געזוימט. צוויי גלייכע ליינגען ביז די קני, ניט צו ברייט. די נעט פאַרנייט ברייט אויף דער רעכטער זייט, אויבן אָפן געלאָזט שטיקלאך דורכצונעמען די הענט. פאַר'ן קאָפּ דורכצונעמען איז אָפן געשניטן אַ גלייכער שניט.

פּראָמינענט איבער'ן קאָסטיום ווערט אויסגעמאָלן אין לעבעדיקע פאַרבן דער אות, וואָס ווערט רעפּרעזענטירט. פאָרנט אַ געדרוקטן, הינטן אַ געשריבענעם. כדי דער קאָסטיום זאָל זיך ניט פאַלדעווען, נייט מען אונטער שטייפע פּאַפּיר אויפ'ן לינקן זייט.

דאָס היטל קען זיין געמאַכט פון פּאַפּיר, פאָרנט און הינטן פּיראַמידפאָרמיק. אויף די פּיראַמידן איז אויסגעמאָלן דער אות, זייער דעקאָראַטיוו, געפּוצט מיט גאָלד. דאָס היטל גיט די אילוזיע פון אַ פאַנטאַסטישע קרוין.

ערשטע בילד

א קינדער־צימער. דבורה׳לע זיצט מיט אַ אידישן לער־ביכל אין האַנט. זי איז שטאַרק פאַראינטערעסירט. עס הערט זיך פון צווייטן צימער דער רעקאָרד: דער טאַנץ פון די פּליטן פון מושיקאַווסקיס „ניס קנאַקער סוויט״.

מאַמעס שטימע: דבורהלע! האָסט איבערגעלאָזט די מילך. די איי האָסטו אויך ניט געגעסן. קום אַריין און עס אָפּ!

דבורהלע: מאַמע, קום אַריין, וועסטו זען ווי איך קען שוין לייענען. (זי זינגט דעם טאַנץ פון די פּלייטן).

מאַמעס שטימע: אָבער איך זאָג דאָך דיר, קום אַריין עסן!

דבורהלע: הערט איר ניט נעמט איר טאָוול מיט קרייד, שרייבט און רופט אויס) אַן אַלף! אַ בית! א גימל! א דלד!

מאַמעס שטימע: דבורהלי, קום אַריין אָפּעסן! קום גיכער!

דבורהלע: איכל ניט טרינקען די מילך און איכל ניט עסן די איי! איך וויל ניט! (זינגט און שרייבט).

מאַמעס שטימע! דבורהלע! איכל זיך ניט גיין אויסעסן דאָס האַרץ מיט דיר, קום אַריין, זאָג איך דיר!

דבורהלע: (מאַכט זיך ניט הערנדיק, רעדט צו זיך) אַ יוד איז גאָר אַ קליינינקער, מ׳דאַרף אים רופן יודעלע. יודעלע קאַפּו־דעלע. (סיקומט אַריין די מאַמע אַ בייזע).

מאַמע: אַ מויד פון זיבן יאָר, און מ׳קען איר פון די צאַצקעס ניט אָפּרייסן!

דבורהלע: (באַליידיקט) אָבער איך האָב זיך ניט געשפּילט מיט צאַצקעס. איך לערן זיך לייענען אין ביכל און שרייבן אויפן טאָוול. (זי קלייבט זיך וויינען. די מאַמע דערזעט דעם טאָוול, ווערט גוט).

מאַמע: דאָס האָסטו געשריבן?

דבורהלע: (מיט אַ וויינענדיקער שטימע) יאָ, איך קען אָנ־שרייבן אַלע אותיות און איך קען לייענען (צעוויינט זיך אויפן קול) און איך האָב אַזוי פיינט מילך!

מאַמע: נו, נו, שוין, שוין. וועסטו היינט קיין מילך ניט טרינקען. לאָמיך זען ווי דו שרייבסט.

דבורהלע: (גיט זיך ניט אונטער, שרייבט וויינענדיק) און דאָס איז אַ למד, אַ למד איז אַ הויכער, אַ שיינער, און דאָס איז אַ מעם.

מאַמע: זייער פיין, מיין קינד. לערן זיך טאַקע אויס שרייבן. וועסט קענען שרייבן אַ בריוועלע צו דער באָבן. די באָבע וועט דיר שיקן אַ שיינע מתנה.

דבורהלע: (פאַרגעסט זיך אַז זי וויינט, דער פרייט זיך) וואָס פאַר אַ מתנה וועט זי מיר שיקן?

מאַמע: איך ווייס ניט וואָס פאַר אַ מתנה, אָבער זי וועט זיך שטאַרק דערפרייען און זי וועט דיר שיקן אַ מתנה.

דבורהלע: מאַמע, מתנה איז אַזאַ שיינער וואָרט. לאָמיך זען צי איך קען עס אויפשרייבן (שרייבט), מאַ־טאָ־נע. —

מאַמע: מיין קינד, מתנה איז אַ העברעאיש וואָרט, לאָז וועל איך עס דיר אויפשרייבן. (זי שרייבט עס אויף).

דבורהלע: דאָס איז ניט ריכטיק, מאַמע. דו האָסט פארגעסן דעם אַ און דעם ע.

מאַמע: אַזוי שרייבט מען אויף העברעאיש. ס'איז אַן אַלטע שפּראַך. נו, איצט לאָז איבער דאָס שרייבן און קום אַריין פּראַק־טיצירן פּיאַנאָ, ס'ווערט שפּעט. דיינע חבר'טעס וועלן שוין באַלד קומען צו דיין געבורטס־טאָג שמחה. דו דאַרפסט זיך נאָך אויס־פּוצן.

דבורהלע: מאַמע, אָבער איך וויל ניט פּראַקטיצירן פּיאַנאָ. איך האָב עס פיינט.

מאַמע: נו, מאַך ניט קיין שטיק. זעץ זיך ביי דער פּיאַנאָ.

דבורהלע: (הייבט אָן וויינען) איך וויל ניט פּראַקטיצירן, דער זייגער גייט אַזוי לאַנגזאַם. איכל ניט גיין!

מאַמע: נו גוט נו, גיי ניט. איכל אָפּרופן דיינע חברטעס אַז זיי זאָלן היינט ניט קומען, ס'וועט ניט זיין קיין געבורטסטאָג שמחה, און זונטיק אין טעאַטער וועל איך דיר אויך ניט נעמען.

(זי גייט ארויס. דבורה'לע זיצט און וויינט מיט'ן טאָוול אין שויס און מיט די קרייד אין האַנט. עס הערט זיך ווידער דער רעקאָרד

„דער טאַנץ פון די פליטן". דבורה'לע פארלירט דעם חשק צו וויינען. עס ווערט איר לאַנגווייליק. זי שלאָפט איין אונטער די מוזיק און עס פאַלט ארויס דער טאַוול פון איר שויס און די קרייד פון איר האַנט).

פאָרהאַנג.

צווייטע בילד

די סצענע ווי אין ערשטן בילד, נאָר גרעסער. אין הינטערגרונט איז עפּעס פארצויגן מיט אַ פאָרביקן פאָרהאַנג. דבורה'לע זיצט און שלאָפט ווי זי איז געבליבן אין ערשטן בילד.

די מוזיק שפּילט די מעלאָדיע פון „אויפ'ן פּריפּעטשיק", וואַר־שאַווסקי.ס. עס עפנט זיך דער פאָרהאַנג און עס ווייזט זיך אַ לערבוד, די גרויס פון אַ טיר. די מוזיק גייט איבער צו ליד נומער 2 פון לאַזאַר סאַמינסקי'ס בוך „צען אידישע לידער". צו דער ערשטער מעלאָדיע טאַנצט ארויס פון בוך דער אלף, צו דער צווייטער מעלאָדיע זינגט ער זיין פערז, צו דער דריטער טאַנצט ער צו. דאָס זעלבע ווערט ווידער־האָלט מיט אַלע אותיות. יעדעס מאָל, ווען אַן אות טאַנצט צו נאָך זיין פערז, טאַנצן־מיט מיט אים אַלע אותיות וואָס זיינען אויף דער בינע.

די אותיות גייען ארויס איינס נאָכ'ן אַנדערען אין סדר פון אלף בית. זיי שטעלן זיך אויס אין אַ האַלב־רונדן קרייז. זיי קומען ארויס, זינגען און טאַנצן מיט די הענט פאַנאַנדערגעשפּרייט. זיי באַוועגן בלויז מיט די פיס און מיט'ן קאָפּ. זיי האַלטן זיך מעכאַניש אינ'ם סטיל פון פּופּן־טענץ.

אַז אַלע זיינען ערשינען, אָפּגעזונגען און צוגעטאַנצט, לאָזן זיי ארונטער די הענט, ווערן מער מענטשלאַך, טאַנצן אַלע צוזאַמען אַ טאַנץ צו דער פערטער מעלאָדיע פון דער ליד און צו דאָס גאַנצע ליד.

נאָכ'ן טאַנץ בלייבן זיי ווידער אין אַ האַלב־רונדן קרייז. זיי זעצן זיך אין אָריענטאַלישע פּאָזן. לויט'ן סדר פון אלף בית הייבט זיך אויף יעדער אות, זאָגט זיינע ווערטער און בלייבט שטיין.

א: מיר זיינען אַלע גוטע אותיות. דער איינציקער וואָס איז בייז, איז דער בית.

ב: איך בין טאַקע בית אָבער איך טשעפּע קיינעם ניט.

ג: אָן מיר קען מען ניט שרייבן גוט.

ד: ס'האָט אַמאָל אַ מיידעלע מיר זייער שלעכט געמאַכט, האָבן אַלע מיידעלאך אין קלאַס פון איר געלאַכט.

אַלע: כאַכאַכאַכאַ!

ה: העכער! העכער!

אַלע: (העכער) כאַכאַכאַכאַ!

ו: וואו? וואָס? ווען? וואו איז דאָס געשען?

ז: איך בין אַ „זין", דאַרף איך עפּעס זייען, זיי איך דורך די ציין. זזזזז!

ח: די חיה'ס, חיימס, חנהס און חנאָס. ווען איך וואָלט ניט געווען, וואָלטן זיי געדאַרפט הייסן אַנדערש.

ט: זיי ניט אַזאַ יחסן, ווען דו ביסט ניטאָ, שרייבן זיי זייער נאָמען מיט אַ „כ".

י: יאָ יאָ יאָ, אָבער וואָס וואָלט געווען ווען איך בין ניטאָ?

כ: כאַכאַכאַכאַ! כאָכאָכאָכאָ! ס'וואָלט געווען זייער שלעכט ווען מיר זיינען ניטאָ.

ל: דאָס בין איך דער שטאָלצער „למד", וואָס מ'דאַרף צו „לעבן".

מ: משה רבינו האָט מיך אוועקגעשטעלט דער ערשטער אין זיין נאָמען, און פון דאַמאָלסט אָן, טוען עס אַלע משהס.

נ: און די מנשהס, און די מענדעלס און די מינדלס און די מאָטלס און די מתתיהוס און די מנוחהס און די מרימס?

מ: אויך אַזוי.

ס: איכל אייך פרעגן אַ רעטעניש. וואָס איז דאָס? איך שטיי פון פאָרענט, הינטער מיר שטייט עמעלע?

אַלע: סעמעלע!

ע: און ווער שטייט אין סעמעלע דריי מאָל?

אַלע: דו, דער „עין". לאָמיר אַלע שרייען: עין, עין, עין!

פ: איך בין אַ „פּ" און אַ „פ". איך אַרבעט פאַר צוויי.

צ: אָן מיר קען מען קיין צוויי ניט ציילן.

ק: אָן מיר איז קענען קיין קענען ניט.

ר: קינדער, געדענקט! איך בין אַ „ריש", אָבער ניט קיין אַר, איר פאַרשטייט?

ש: איז שלום אַ שיין וואָרט?

אלע: זייער אַ שיינער וואָרט.

ש: נו, שטיי איך מיר דער ערשטער אין שלום.

ת: ווי דער „פ״ בין איך צוויי, אַ „ת״ און אַ „ת״. כ׳האָב זיך פאַרשפּעטיגט, שטיי איך ביים סוף.

אַלאַ: דדד!

(ס׳קומט ארויס דער „ד״, שטעלט זיך אין פאָדערגרונט)

אַלע: בבב!

(דער „בית״ שטעלט זיך לעבן „ד״).
אוי אוי אוי! (דער „ו״ לעבן „ב״).
ררר! (דער „ר״ לעבן „ו״).
ללל! (דער למד לעבן „ה״).
עעע! (דער „עין״ לעבן „ה״).

אלע: דבורהלע! דבורהלע! דבו־רה־לע!!!

די מוזיק שפּילט „דעם טאַנץ פון די פּליטן. דאָס וואָרט „דבורה׳לע״ טאַנצט.

נאָכ׳ן טאַנצן שפּילט “Babes In Toyland” פון וויקטאָר הער־בערט. די זיבן אותיות מאַרשירן אריין אויגס נאָכ׳ן אַנדערן אין זייערע פּלעצער אין אלף בית, וועלכע זיינען געבליבן אָפן פאַר זיי.

אַלע הייבן אויף די הענט, ווערן צוריק מעכאַניש, מאַרשירן צו די מוזיק אין אַ שיינעם געדרייטן מאַרש. די מוזיק בלייבט שטיל אין מיטן אַ פראַזע. די אותיות בלייבן שטיין, לאָזן ארונטער די הענט.

דבורה׳לע הייבט זיך אויף, האַלב שלאָפעדיק, האַלב וואַך גייט זי צו צום בוך.

דבורה׳לע: דער גאַנצער בוך איז ליידיק, איצט וועל איך ניט האָבן וואָס צו לערנען.

אותיות: (עטליכע מיט אַמאָל, אייגטאָניג און מעכאַניש) מיר וועלן אריין צוריק אין בוך, וועסטו אונז לערנען.

דבורהלע: אָבער איך קען אייך שוין.

די אותיות: מיר וועלן דיר ברענגען אַ סך חכמה, וועסטו האָבן וואָס צו לערנען.

דבורהלע: אָבער איך האָב ניט ליב קיין חכמה.

די אותיות: האָסטו ליב נאַרעשקייט?

דבורהלע: ניין.

די אותיות: אויב אזוי, מוזטו אויסקלייבן, גארישקייט אָדער חכמה.

דבורהלע: (טראַכט אַ ווײַלע) איך וויל בעסער חכמה.

די אותיות: אויב אזוי וועלן מיר אריין צוריק אין בוך און מירן דיר ברענגען חכמה.

דבורהלע: אָט אין דעם לערבוך מיינעם? איך וויל ניט, דאָס איז דער ערשטער בוך, איך וויל דעם צווייטן, דעם דריטן און דעם פערטן.

די אותיות: נו גוט, דו וועסט אונז געפינען אין אַלע אידישע ביכער.

דבורהלע: (דערפרייט) אין אַלע?

די אותיות: אין אַלע.

דבורהלע: און איר וועט זינגען און טאַנצן און גיין אויסגע־פוצט.?

די אותיות: מירן ניט זינגען און ניט טאַנצן. מירןריידן שטילערהייט, און מירן גיין אָנגעטאָן אין שווארצע קליידעלאך. אָבער דו וועסט אונז ליב האָבן סיווי.

דבורהלע: פאַרוואָס וועל איך אייך ליב האָבן?

די אותיות: ווייל וואָס מער מ׳קען אונז, אַלץ מער האָט מען אונז ליב.

די איבעריקע אותיות: אודאי! אודאי!

דבורהלע: איך וועל אייך ליב האָבן, איך האָב אייך שוין ליב. גייט ניט אַוועק. בלייבט דאָ מיט מיר.

די אותיות: אזוי ווי מיר זעען איצט אוים, קענען מיר ניט בלייבן. מיר מוזן אריין צוריק אין בוך, אָבער דו וועסט אונז זען אין אַלע ביכער.

דבורהלע: אפשר קענט איר בלייבן צו מיין געבורטסטאָג שמחה? מיינע חבר׳טעס וואָס קענען אייך ניט, און ווילן אייך ניט קענען, זיי מיינען אז איר זייט ניט שיין. זיי וועלן זען ווי שיין איר זייט.

די אותיות: זיי קענען אונז ניט זען.

דבורהלע: פאר וואָס?

די אותיות: ווייל זיי קוקן אויף גויאיש.

דבורהלע: ווי קען מען קוקן אויף גויאיש?

די אותיות: מיט א גויאיש הארץ, קוקט מען אויף גויאיש.

דבורהלע: אָבער מ'קוקט דאָך מיט די אויגן, ניט מיטן הארץ.

די אותיות: מ'קוקט מיט בײדע.

דבורהלע: דאָס האָב איך ניט געוואוסט. אָבער בלייבט אויף מיין געבורטסטאָג שמחה. מיין מאַמע האָט געזאָגט ס'וועט ניט זיין קיין שמחה, אָבער ס'וועט זיין. איך ווייס.

די אותיות: פון וואנען ווייסטו?

דבורהלע: ווייל מיין מאַמע טוט אַ סך מאָל אַנדערש ווי זי זאָגט. און איצט האָט זי שוין אויסגעבאַקן די קוכן און איינגעקויפט די גוטע זאַכן. ס'וועט זיכער זיין אַ שמחה. בלייבט, איך בעט אייך. ס'וועט זיין אזוי שיין.

די אותיות: מיר קענען ניט.

די איבעריקע: יאָ, מיר קענען ניט.

די אותיות: זייט געזונט דבורהלע און האָב אַ פריילאַכן געבורטסטאָג!

די איבעריקע: און האָב אַ סך פריילאַכע טעג.

די אותיות: און געפין אונז אין די ביכער.

די אַנדערע: און האָב אונז ליב.

דבורהלע: יאָ, איך וועל אייך ליב האָבן און איך וועל אייך זוכן אין אַלע אידישע ביכער.

(עס הייבט אָן שפּילן "Babes In Toyland" זיי הייבן אויף די הענט, ווערן שטייף און מעכאַניש און מאַרשירן אריין אין בוך. דבורה'לע קוקט זיי נאָך און מאַכט צו זיי מיט'ן האַנט.)

פאָרהאַנג.

די פערזן וואָס דער אלף בית זינגט:

א

איך בין דער ערשטער
אין אלף בית צו שטיין.
אָן מיר קען דער אלף בית
זיך גאָר ניט באַגיין (טאַנצט)

ב

מיך רופט מען בייז
און איך וויים ניט פאַר וואָס,
כ'האָב א פינטעלע האַרץ,
כ'בין א גוטינקער אות. (טאַנצט)

ג

כ'קען ניט געפינען
קיין גראַם צו א גימל.
אויף דר'ערד איז ניטאָ
כ'וועל עם זוכן אין הימל. (טאַנצט)

ה

א „ה" דאַרף מען האָבן,
צו „האָבן" און צו „הערן".
איך האָב ליב זיין א „היי"
און איך בין עס זייער גערן. (טאַנצט)

ו

איך בין דאַר ווי א שטעקן
און פאַרנעם וויניק אָרט.
אז מען שטעלט מיך ניט קרום
שטיי איך גלייך אין א וואָרט. (טאַנצט)

ז

מיך דאַרף מען האָבן
צו „זיין" און צו „זען".
אָן מיר וואָלט דער אלף בית
זייענלאָז געווען.
(טאַנצט)

ח

איך בין א יחסן
פון גאָר אַלטע צייטן.
כ'וויל ניט איר זאָלט
אויף א „כ" מיך פארבייטן.
(טאַנצט)

ט

איך אין טעאַטער
מוז אַלע מאָל שטיין.
כ'קען זיך ניט זעצן,
כ'קען מיר ניט גיין.
(טאַנצט)

י

כ'האָב קיין מילך ניט געטרונקען
און בין געבליבן קליין.
נאָר דער אלף בית אָן מיר
קען זיך גאָר ניט באַגיין.
(טאַנצט)

ל

איך בין דער למד
אין שרייבן בין איך דין.
כ'האָב א טבע זיך צו דרייען
אהער און אהין.
(טאַנצט)

מ

איך קום פון מצרים,
איך פּאַרנעם אַ וויכטיק אָרט.
דער שלאָס „מ" מיין ברודער
שטייט צום סוף פון אַ וואָרט.
(טאַנצט)

נ

כ'בין אַ קאַטשערקע צום שרייבן,
כ'בין אַ ביסל אויסגעבויגן,
נאָר ביים סוף פון אַ וואָרט,
שטיי איך גלייך אויסגעצויגן.
(טאַנצט)

ס

מיך דאַרף מען נויטיק
אין דער אידישער שפּראַך.
די ליטוואַקעס נוצן
מיך זייער אַ סך.
(טאַנצט)

ע

איך בין אַ ע
און מיין נאָמען איז עין.
מיין נאָמען איז אַלט,
נאָר איך וויל ניט קיין נייען.
(טאַנצט)

פּ

פון פראָסט און פון פייער
בין איך דער „פּ".
און אז איך האָב אַ קליין פּינטעלע
ווער איך אַ „פ".
(טאַנצט)

צ

מיך רופט מען „צאַדיק”,
איך ווייס ניט ווארום.
איך קען גאָר ניט דאַווענען.
איך בין גאָר ניט פרום.
(טאַנצט)

ק

מ'דאַרף מיך צו „קלערן”.
מיין נאָמען איז קוף;
אליין האָב איך גאָר ניט,
קיין קאָפּ אויף מיין גוף.
(טאַנצט)

ר

כ'האָב פיינט זיך צו פוצן,
כ'בין אַן איינפאַכער ריש;
אַז מען מאַכט מיך ניט ריכטיק
בין איך זייער בייז.
(טאַנצט)

ש

כ'בין אַ שיינער שטאָלצער שין.
כ'בין זייער שיין געמאַכט.
כ'האָב דריי קלוגע קעפּעלאַך,
זיץ איך מיר און טראַכט.
(טאַנצט)

ת

מיך האָט מען אין אלף בית
געשטעלט גאָר צום סוף.
אָבער תורה הייבט זיך אָן
מיט מיר, מיטן „ת”.
(טאַנצט)

רעאַליסטישע טעאַטער־שפּילן

וואונדער־קינדער

געזאַלצענער באָב

רויע טאָרט

וואונדער-קינדער

א טעאטער־שפיל אין איין אקט.

פערזאנען.

דער טאטע.
די מאמע.
בלומע — 14 יאר אלט.
יאנקל — 9 יאר אלט.
עטל און דזשעני — בלומעס חבר'טעס.

די סצענע שטעלט פאר אן ארימען צימער. די ווענט באפוצט מיט פאמיליען־פארטרעטן. אין צימער געפינט זיך א פיאנא, אויפ'ן פיאנא ליגט א פידל.

בלומע זיצט ביי א טישל און שפילט „סאליטער".
יאנקל ליגט אויף דער ערד און לייענט א ביכל.
עס קומען אריין עטל און דזשעני.

עטל: (מיט שמחה) מיר האבן שוין אפגעפרעקטיסט.
בלומע: אזוי פרי?
דזשעני: מיר זיינען געקומען אהיים פרי פון סקול. אונזער לערערן האט געדארפט האבן א מיטינג.
עטל: (צו בלומען) ווען גייסטו פרעקטיסן?
בלומע: אוי, ווי איך האס עס!
עטל: וואס?
בלומע: דאס פרעקטיסן.
דזשעני: קיינער האט עס ניט ליב. אבער מ'מוז.
בלומע: פאר וואס מוז מען?

דזשעני: אז ניט, וועט מען זיך דאָך ניט אויסלערנען שפּילן.

בלומע: מ'מוז זיך אויסלערנען?

דזשעני: ווי דען?

עטל: דו קענסט מיין קוזינע בעלאַ?

בלומע: יאָ, וואָס איז דען?

עטל: איר מאַמע האָט איר געקויפט אַ פּאָר קויט.

בלומע: אַ פּאָר קויט!

עטל: אַ פּאָר קויט.

דזשעני: ס'איז דאָך איצט דזשון, צו וואָס דאַרף זי אַ פּאָר קויט?

עטל: איצט קריגט מען עס ביליגער.

בלומע: דיין קוזינע בעלאַ איז אַזוי אויך גראָב. אין אַ פּאָר קויט וועט זי אויסזען ווי אַ הויז.

עטל: דאָס איז גאָר ניט. אַ פּאָר קויט קאָסט אפשר הונ־דערט דאָלער. הלואי קויפט מען מיר אַ פּאָר קויט.

דזשעני: מיין מאַמע זאָגט, זי וועט לאָזן איבערמאַכן איר פּאָר קויט פאַר מיר.

עטל: ס'איז דאָך אַ יוראָפּשער, ס'איז אפשר הונדערט יאָר אַלט.

דזשעני: אָבער ס'איז אַ פּאָר קויט.

בלומע: מיין פּאַפּאַ האָט פיינט פּאָר קויטס. ער זאָגט מ'וועט באַלד אָפּשינדן גע'פּגר'טע קאָטערס און מ'עט מאַכן דערפון פּאָר קויטס.

עטל: דיין פּאַפּאַ איז ניט סטייליש, דו ווייסט פאַר וואָס?

בלומע: פאַר וואָס?

עטל: ווייל ער איז ניט ווי אַלע מענטשן.

בלומע: פאַר וואָס איז ער ניט ווי אַלע מענטשן?

עטל: מיין פּאַפּאַ האָט אים געהערט ריידן אויפן סטריט. אַ סך מענטשן זיינען געשטאַנען אַרום און זיי האָבן געקלאַפּט בראַוואָ.

בלומע: (דערפרייט) מיין פּאַפּאַ?

עטל: יאָ, דיין פּאַפּאַ. און ווייסט פאַר וואָס ער רעדט אויפן סטריט?

בלומע: פאר וואס?

עטל: ווייל ער איז — ווייל ער איז א — איך האב פארגעסן ווי דאס הייסט.

בלומע: אבער, וואס איז דאס?

עטל: אז איך געדענק ניט ווי מ'רופט דאס.

בלומע: איכ'ל פרעגן מיין פאפאן וואס ער איז.

עטל: ניין, ניין. ער טאר ניט וויסן, אז מ'ווייס.

בלומע: ס'איז דען זייער א שלעכטע זאך?

עטל: זייער.

בלומע: דאס קען ניט זיין. מיין פאפא איז אן ערלאכער, גוטער מענטש.

עטל: אבער ער איז עס פארט.

בלומע: (ניט צופרידן) דאס קען ניט זיין!

די מאמעס שטימע: בלומע, פאר וואס שפילסטו ניט דיין לעסן?

בלומע: שפעטער א ווײַלע, מאמע! (די מאמע קומט אריין זייער ענטשלאסן, זי ווענדט זיך צו יאנקלען).

מאמע: יאנקל! זאלסט שוין אויפשטיין און נעמען פרעקטיסן! (יאנקל קוקט זיך אום דערשראקן, בארואיקט זיך. וויל זיך נעמען צוריק צום ביכל). שטיי אויף, זאג איך דיר! די מינוט!

יאנקל: (בעט זיך) פליז, מאמע, לאז מיך ענדיקן דעם קאפיטל. איך וויל וויסן צי דעם גראף'ס טאכטער איז געראטעוועט געווארן צי ניט. ס'איז אזא רחמנות אויף איר.

מאמע: פארן גראף'ס טאכטער זארגט ער זיך! ס'איז א רחמנות אויף איר. ס'איז מער רחמנות אויף מיר, וואס איך צאל בלוטיקע געלט צו דיין לערער און דו ווילסט ניט פרעקטיסן. (די מיידלאך שטעלן זיך ארום פאראינטערעסירט).

דזשעני: דעם גראף'ס טאכטער איז געראטעוועט געווארן, אבער ניט פון איר געליבטן.

בלומע: דו האסט געלייענט דעם בוך?

דזשעני: יא.

יאנקל: פון וועמען דען?

דזשעני: פון —

די מאַמע: (שלאָגט איר איבער) וואָס פאַר א גראַף׳ס טאָכ־טער! וואָס פאַר א געליבטן! (צו די מיידלאַך) מיידעלאַך, איר האָט שוין געפּרעקטעסט?

עטל: (שטאָלץ) יאָ, מיר האָבן שוין געפּרעקטעסט.

מאַמע: טאָ גייט אייך אהיים געזונטערהייט און לאָזט מיינע קינדער פּרעקטעסן.

יאַנקל: (צו דזשעני) פון וועמען איז זי געראַטעוועט גע־וואָרן?

דזשעני: פון א מאַטראָז.

יאַנקל: פון א מ —

מאַמע: (שלאָגט אים איבער) זאָלסט מיר שוין נעמען די פידל! איך וויל ניט וויסן פון קיין גראַף׳ס טאָכטער, פון קיין געליבטן און פון קיין מאַטראָז.

יאַנקל: מאַמע, אָבער דעם גראַף׳ס טאָכטער —

מאַמע: איכ׳ל דיר געבן א גראַף׳ס טאָכטער, וועט דיר ליכ־טיק ווערן אין די אויגן! (צו בלומען) און דו, באַרישניא מיינע, מעגסט זיך שוין זעצן בא דער פּיאַנאָ. (צו די מיידלאַך) און איר, מיידעלאַך, גייט אייך געזונטערהייט אהיים.

בלומע: מאַמע, טרייב זיי ניט.

מאַמע: איך טרייב זיי ניט. איך בעט זיי גיין אהיים.

עטל: ס׳איז אָלרייט. ס׳איז אָלרייט. מיר דאַרפן סיי ווי אוועקגיין, מיר גייען היינט אין א שוי.

בלומע: אין וואָס פאַר א שוי גייט איר?

עטל: מיר גייען אין די מאָדזשעסטיק.

בלומע: איר זאָלט מיר דערציילן וואָס איר האָט געזען.

עטל: אודאי, א גוטע נאַכט!

דזשעני: א גוטע נאַכט!

בלומע: א גוטע נאַכט!

(די מיידלאַך גייען ארויס.

דער טאַטע קומט אַריין. ער זעט אויס זייער מיד און צובראָכן. ער גיט זיך א זעץ אריין אין א שטול, וויל עפּענען א צייטונג וואָס ער האַלט אין האַנט).

מאַמע: חיים, גיב נאָר א קוק, ווי איך עס זיך אויס דאָס הארץ מיט זיי און זיי ווילן ניט פּרעקטעסן.

טאַטע: (פאַרנעמט ניט וואָס זי רעדט צו אים) הא, וואָס זאָגסטו?

מאַמע: (אומגעדולדיק) אַז מ׳רעדט צו דיר, איז ווי צו דער וואַנט.

טאַטע: וואָס ווילסטו פון מיר? איך קום דאָך ניט פון דער אַפּערא. אַז מ׳אַרבעט אָפּ אַ טאָג, פּילט מען זייער פאַסקודנע. טשעפּע מיך בעסער ניט. (זוכט אין צייטונג).

מאַמע: צו די קינדער, מיט נייע אויטאָריטעט) גייט פּרעקטעסן, זאָג איך אייך!

טאַטע: וואָס גוואַלדעווועסטו אַזוי! זיי וועלן וועלן, וועלן זיי אַליין גיין.

מאַמע: (איראָניש) זיי וועלן וועלן! זיי וועלן קיינמאָל ניט וועלן!

טאַטע: אַז זיי ווילן ניט, איז אַ סימן אַז מ׳דאַרף ניט.

מאַמע: אַזוי! און דאָס וואָס מ׳האָט זיי אָפּגעלערנט דריי יאָר, און געצאָלט בלוטיקע געלט די לערער, און זיך איינגעשולדיקט פאַר דער פּיאַנאָ, און איך האָב זיך אויסגעגעסן דאָס האַרץ זיי זאָלן פּרעקטעסן, דאָס איז ביי דיר גאָר נישט, הא?

טאַטע: דאָס איז פאַרפאַלן.

מאַמע: (אויסער זיך) אַזוי! פאַרפאַלן! (יאַנקל נעמט זיך ווידער צום בוך, בלומע איז פאַראינטערעסירט).

טאַטע: איך האָב דיר די גאַנצע צייט געזאָגט, דו זאָלסט די קינדער ניט צווינגען. איך וואָלט אַליין אויך געוואָלט האָבן אַ טאָכטער אַ גרויסע פּיאַנאָ־שפּילערן און אַ זון אַ גרויסן פידל־שפּילער, אָבער אַז זיי ווילן ניט פּרעקטעסן, דאַרף מען זיי ניט צווינגען. לאָמיך זעי מ׳זאָל דיך צווינגען צו פּרעקטעסן, ווי דו וועסט דאָס גלייכן.

מאַמע: איך זאָל דיר פּרעקטעסן? וואו האָב איך אַ קאָפּ דערפאַר?

טאַטע: נו, זיי האָבן אויך ניט קיין קאָפּ דערפאַר.

מאַמע: אָבער זיי האָבן דאָך אַזוי פיל טאַלאַנט.

טאַטע: פון וואַנען ווייסטו?

מאַמע: די לערער זאָגן דאָך.

טאַטע: די לערער דאַרפֿן מאַכן אַ לעבן.

מאַמע: און די שיינע שטיקעלאַך וואָס זיי שפּילן, דאָס איז ביי דיר גאָר נישט? וואָלט איך דאָס געקענט שפּילן, אָדער דו?

טאַטע: אַז מיר וואָלטן זיך געלערנט וואָלטן מיר געקענט.

מאַמע: דאָס קען ניט זיין, איך וואָלט זיך דאָס קיינמאָל ניט אויסגעלערנט. (טראַכט אַ ווײַלע) איז גלויבסטו, אַז זיי האָבן ניט קיין טאַלאַנט?

טאַטע: איך ווייס ניט, אפשר האָבן זיי, נאָר אַלע טאָג מאַכן אַ ויצעקו און זיי טרייבן פּרעקטיסן, דאָס דאַרף מען ניט.

מאַמע: אוי, ווײ, ווי האָט מען דאָס אַ הארץ צו לאָזן זיי פֿאַרגעסן וואָס זיי האָבן אָפּגעלערנט דריי יאָר? אַזוי פֿיל געלט! אַזוי פֿיל מי!

טאַטע: און אַז זיי וועלן אָפּלערנען נאָך דריי יאָר, וועט זיין נאָך געלט, און נאָך מי, און אַז זיי וועלן ניט וועלן שפּילן, וועסטו אייביק ניט קענען שטיין איבער זיי און מאַכן סקאַנדאַלן און זיי צווינגען. אַז זיי ווילן ניט איז פֿאַרפֿאַלן. (מאַמע שטאַרק גערירט, צעוויינט זיך און גייט אַרויס. דער טאַטע וויל זיך נעמען צום צייטונג.)

בלומע: פּאַפּאַ, לייען ניט. רייד בעסער מיט מיר.

טאַטע: מיין טאָכטער, איך האָב ניט קיין כוח, ווען דו ווייסט, ווי איך פֿיל נאָך אַ טאָג אַרבעט, ווי עס ברעכט די פּלייצע, ווי עס האַקט אין קאָפּ! גלויב מיר, מיין טאָכטער, אַז אָפּזיצן אַ טאָג ביי אַ מאַשין, איז ערגער ווי אַ שעה ביי דער פּיאַנאָ.

בלומע: דו ביסט בייז אויף מיר וואָס איך וויל ניט פּרעקטעסן?

טאַטאַ: איך בין ניט בייז. דו ווילסט ניט, ווילסטו ניט. אי וואָס עס האָט געקאָסט אַזוי פֿיל, אַזוי פֿיל! איז פֿאַרפֿאַלן.

בלומע: ס'איז ניט פֿאַרפֿאַלן.

טאַטע: אַז דו ווילסט ניט פּרעקטעסן איז פֿאַרפֿאַלן.

בלומע: פּאַפּאַ, אָבער איך קען שפּילן די שיינע שטיקעלאַך וואָס דו האָסט ליב. אויב דו ווילסט, וועל איך עס דיר איצט שפּילן.

טאַטע: גייסט געבן אַ קאָנצערט אין מיטן דערינען?

בלומע: ניט א קאָנצערט, איכ'ל עס שפּילן פאַר דיר ווייל דו פילסט שלעכט. אפשר וועסטו פילן בעסער. זאָל איך עס שפּילן?

טאַטע: נו, אז דו ווילסט געבן דיין מידן קראַנקן טאַטן פאַרגעניגן, קען איך עפּעס האָבן צו דיר? אדרבה, שפּיל.

בלומע: טו זיך אוים דאָס רעקל, ס'איז היים. (זי העלפט אים זיך אויסטאָן דאָס רעקל) ווייסטו וואָס פּאַפּאַ? לייג זיך צו אויפן זאָפע וועט דיר זיין בעסער, קום! (זי העלפט אים זיך לייגן אויפן זאָפע, מאַכט צורעכט דאָס קישעלע אונטער זיין קאָפּ).

טאַטע: ביסט א פיין קינד, מיין טאָכטער, האָסט ערגעץ אין דיר א הארץ. (ער נעמט איר אָרום צערטלאַך זי גייט צו דער פּיאַנאָ און נעמט שפּילן שאָפּענס אַ וואַלץ).

מאַמעס שטימע: בלומע! דאָס איז ניט דיין לעסן! מיך וועסטו ניט אָפּנאַרן!

טאַטע: שפּיל, שפּיל, קוק ניט ווי שפּעט ס'איז. (זי שפּילט)

מאַמעס שטימע: שפּיל דיין לעסאָן, זאָג איך דיר! דאָס איז ניט דיין לעסן!

בלומע: וואַרט אוים א ווײַלע, מאַמע, איך שפּיל דאָס פאַר'ן פּאַפּאַ!

(די מאַמע קומט אריין ווישנדיג אַ טעלער. זי וויל אָנהייבן פּראָטעסטירן. דער טאַטע שטעלט איר אָפּ. בלומע הערט אויף שפּילן).

טאַטע: פייגע, מיר בעטן דיך אין נאָמען פון מיין קאָפּוויטיק און פון אַלע מיינע וויטיקן. לאָז אונז צורו. זי שפּילט א שיין שטיקעלע, זאָל זי שפּילן. זעץ זיך בעסער אַוועק און הער זיך איין.

מאַמע: כ'האָב שוין גאָר ניט וואָס צו טאָן!

טאַטע: נו, אז דו ווילסט ניט, דאַרף מען ניט. זיי שטיל און לאָז הערן.

(בלומע הייבט אָן שפּילן. די מאַמע שטייט אַ צוטומלטע אַ ווײַלע און גייט ארוים. דער טאַטע שלאָפט דערווייל איין אונטער די מוזיק. בלומע ענדיגט שפּילן. גיט אַ קוק, אַז דער טאַטע שלאָפט, גייט זי אויף די שפּיץ פינגער צו צו יאַנקלען, רעדט צו אים שטיל).

בלומע: יאַנקל, אזוי שנעל ווי פּאַפּאַ וועט זיך אויפכאַפּן נעמען מיר זיך פּרעקטעסן. געדענק!

יאַנקל: וואָס איז דער מער?

בלומע: גאָר נישט, מיר דאַרפן פּראָטעסטן. דאָס אַלץ.

יאַנקל: אָבער מיר ווילן דאָך ניט.

בלומע: מיר ווילן.

יאַנקל: (קוקט איר אָן) מיר ווילן?

בלומע: מיר מוזן וועלן.

יאַנקל: אויב אַזוי, וויל איך ניט.

מאַמעס שטימע: חיים, קום אַריין עסן! (טאַטע כאַפּט זיך אויף).

בלומע: מאַמע, דער פּאַפּא שלאָפט, וועק אים ניט.

טאַטע: ס'מאַכט ניט אויס, איצט איז ניט די צייט פון שלאָפן. אָבער עסן וויל איך ניט. זאָג דער מאַמען אז איכ'ל היינט ניט עסן.

בלומע: מאַמע, דער פּאַפּאַ וועט היינט ניט עסן! (מאַמע קומט אַריין).

מאַמע: וואָס מיינסטו, דוסט ניט עסן? וואָס פאַרא סטרייקס מאַכט איר מיר דאָ?

טאַטע: מיר מאַכן ניט קיין סטרייקס. איך וויל ניט עסן. דאָס אַלעס.

מאַמע: (קוועטשט מיט די פּלייצעס) איך זאָל אַזוי וויסן פון אַ בייזן חלום, ווי איך וויים וואָס עס טוט זיך מיט אייך. ניט אַנדערש, איר האָט געמאַכט אַ בונט קעגן מיר.

טאַטע: פייגע, איך בעט דיך, צווינג אונז ניט, אויב ניט וועלן מיר מאַכן ניט נאָר אַ בונט. מירן מאַכן אַ רעוואָלוציע.

יאַנקל: (דערפרייט) טאַקע, לאָמיר מאַכן אַ רעוואָלוציע! ס'וועט זיין פריילאַך. נאָר מיר האָבן ניט מיט וואָס צו שיסן. און מיר האָבן ניט וועמען צו שיסן. אַ שאָד.

מאַמע: (אין כעס) איך וועל דיר געבן אַ שיסן, וועסטו ביי מיר פליען ביזן דאַך!

טאַטע: ניט אַזוי שטורעמדיק, פייגע. מירן מאַכן אַ שטילע, אַ רואיקע רעוואָלוציע.

מאַמע: וואָס פּלאַפּלסטו, וואָס? גיי אַריין עסן, און זאָל

עס נעמען א סוף! (צו די קינדער) און איר נעמט זיך פרעק־טעסן!

טאַטע: אז איך זאָג דיר, אז מירן מאכן אַ רעוואָלוציע. (יאָנקל רוקט זיך צו נענטער צום טאַטן, שטאַרק פאַראינטערע־סירט.) מירן היינט ניט פרעקטעסן, און מירן היינט ניט עסן.

מאַמע: וואָס הייסט?

טאַטע: א מענטש האָט אַ רעכט ניט צו עסן, אז ער וויל ניט. איז איינס אַוועק. און קינדער, אַז זיי ווילן ניט פרעקטעסן, דאַרף מען זיי ניט מאַטערן.

מאַמע: אָבער ס'קאָסט דאָך אַזוי פיל געלט!

טאַטע: שוין, סוועט מער ניט קאָסטן.

מאַמע: וואָס־זשע, מ'וועט אויפהערן זיי לערנען?

טאַטע: האָסט געטראָפן.

יאָנקל: (שפּרינגט אויף) דאָס איז גוט! (ער טאַנצט פאַר פרייד) אוי, ווי גוט! אוי, ווי גוט!

בלומע: זיי שטיל!

יאָנקל: איך וועל שוין ניט דאַרפן פרעקטעסן, און איך וועל שוין ניט דאַרפן הייסן „יאשע". ס'איז אַזוי ווי „קאַשע". איך האָב אַזוי פיינט קאַשע!

מאַמע: (שטאַרק צעטראָגן) אויף מיין וואָרט, איכ'ל איך ווייס אליין ניט וואָס, איך קען שוין מער ניט אויסהאַלטן! דריי יאָר אָפּגעלערנט קינדער, זיך אויסגעטאָן פון הויט, און איצט, נאַ דיר!

טאַטע: מאַך ניט אַזאַ טראַגעדיע דערפון.

מאַמע: ס'איז דיר גרינג צו זאָגן, מאַך ניט קיין טראַגעדיע. עס רייסט מיר דאָס האַרץ. מ'וואָלט געקענט האָבן אַ טאָכטער וואָס שפּילט אויף קאָנצערטן, וואָס מ'ווייזט איר בילד אין די פּייפּערס. און אַ זון אַ גרויסער שפּילער אויפ'ן פידל, וואָס זאָל אויך געבן קאָנצערטן. אַז זיי האָבן אַזוי פיל טאַלאַנט, אַז זיי שפּילן אַזוי שיין!

טאַטע: מ'וואָלט געקענט? זעסט דאָך, אַז מ'קען ניט.

מאַמע: פאַר וואָס קען מען ניט? מ'קען! זיי זאָלן נאָר פרעקטעסן וואָלט מען געקענט. אָבער אַז דו אַליין הייסט זיי ניט

פּרעקטעסן, רצוח איינער, איז פּאַרפאַלן אַזעלכע טאַלאַנטן, אַזעל־כע —

טאַטע: וואונדער־קינדער.

מאַמע: אודאי וואונדער־קינדער, וואָס דען? אַז זיי ווילן שפּילן זיי דאַך אַז עס צוגייט אין אַלע גלידער, נאָר זיי ווילן ניט, אַן אומגליק! זיי ווילן ניט!

טאַטע: אַז זיי ווילן ניט, איז פּאַרפאַלן.

מאַמע: (נאָך מער אויפגערעגט) ביי מיר וואָלטן זיי שוין געוואָלט! איך וואָלט זיי געגעבן אַ ניט־וועלן! אָבער אַז זיי האָבן אַ טאַטן, וואָס מאַכט רעוואָלוציעס, וואָס איז אַ — (פאַר־האַקט זיך.)

טאַטע: זאָג, זאָג, איך וויל די קינדער זאָלן הערן, איך שעם זיך ניט דערמיט. איך בין שטאָלץ אויף דעם.

מאַמע: איך דאַרף דיר ניט זאָגן, דו ווייסט וואָס דו ביסט, און די קינדער ווייסן אויך. (זי הייבט אָן וויינען).

יאַנקל: איך ווייס, וואָס דו ביסט, פּאַפּאַ.

טאַטע: וואָס?

יאַנקל: אַ רעוואָלוציאָנער?

טאַטע: געטראָפן. נו, ביסטו צופרידן?

יאַנקל: איך בין צופרידן. איך וועל אויך זיין אַ רעוואָלו־ציאָנער.

טאַטע: (צו דער מאַמען) דו זעסט, אָט האָב איך אַן אָנהענ־גער.

מאַמע: (דורך טרערן) אַ נאָכשלעפּער, מיינסטו.

יאַנקל: איך בין אַן אָנהענגער. אַז איך הענג זיך אָן אָן אַ טראַק קען איך פאָרן ווי ווייט איך וויל.

בלומע: (צו יאַנקלען) זיי שטיל!

מאַמע: (וויינענדיק) מ'קען אַראָפּ פון זינען, אַזאַ ווייטיק! מ'וואָלט געקענט מאַכן פון די קינדער אַזעלכע גרויסע קינסטלער, זיי שפּילן שוין איצט אַז ס'איז נאָר קאָנצערט צו געבן. ממש נאָר

קאָנצערט צו געבן! איז נאַ דיר, אין מיטן דערינען מאַכט מען אַ רעוואָלוציע און אַלצדינג איז פאַרפאַלן. איכ׳ל דאָס ניט אויס־האַלטן! (צעווייגט זיך אויפן קול און גייט אַרויס. אַלע בלייבן זייער טרויעריק).

יאַנקל: איך פאַרשטיי ניט, פאַר וואָס די מאַמע וויינט.

(עס הייבט אָן סקריפען אַ פידל פון אַן אָנפאַנגער ערגעץ אין אַ צווייטן הויז).

טאַטע: אהא, מישע עלמאַן נומער טויזנט זעקס און אַכציק לאָזט זיך שוין הערן.

יאַנקל: פאפא, איך האָב קיינמאָל ניט געשפּילט אַזוי שלעכט.

טאַטע: עס דוכט זיך דיר.

יאַנקל: (שפּרינגט אונטער) אָבער איצט וועל איך שוין מער ניט דאַרפן שפּילן, אוי, ווי גוט!

טאַטע: אַ גרויסע גדולה אויף דיר. די מאַמע וויינט און דו פרייסט זיך. אָט איז א וואונדער־קינד וואס האָט ניט קיין שכל פון דאַנען אַהער.

יאַנקל: אָבער צו וואָס דאַרף די מאַמע וויינען?

טאַטע: האָב איך דאָך דיר געזאָגט, אַז דו האָסט ניט קיין שכל.

יאַנקל: (טראַכט אַ ווײַלע) איך ווייס שוין, פאַר וואָס די מאַמע וויינט.

בלומע: פאַר וואָס?

יאַנקל: ווייל זי וויל מיר זאָלן פּרעקטעסן.

טאַטע: ביסט געפאַלן אויפן שכל.

יאַנקל: (ווערט ערנסט, טראַכט אַ ווײַלע) אַז די מאַמע וויינט איז טאַקע ניט גוט. איך וויל ניט די מאַמע זאָל וויינען.

בלומע: מירן מוזן פּרעקטעסן.

(עס הערט זיך נאָך אַ פידל פון אַן אָנפאַנגער)

טאַטע: ס׳הייבט זיך שוין אָן די אינקוויזיציע. וואו אַנט־לויפט מען?

בלומע: פּאַפּאַ, לאָמיר אַרויסמופן פון דאַנען.

טאַטע: וואו איז דען בעסער? די וואונדער־קינדער וואַקסן אומעטום. מ׳קען פון זיי ניט אַנטלויפן.

(עס הערט זיך אַ מאַנדעלינע, נאָכדעם אַ גיטאַרע, נאָכדעם אַ פידל, נאָכדעם אַ טשעלאָ, אַ פּאַנאַגראַף און אַ ראַדיאָ).

בלומע: שוין, זיי פּרעקטעסן שוין אַלע.

טאַטע: איך וועל דאָ אַרונטער פון זינען. גוואַלד, וואָס טוט מען? ווייסט איר וואָס, קינדער, הייבט איר אויך אָן שפּילן, און שפּילט הויך אַז עס זאָל פאַרטויבן דעם גאַנצן קאַצן־יאָמער. טוט עס שנעל, וואָרים איך קען עס ניט איבערטראָגן!

(די קינדער נעמען זיך צו די אינסטרומענטן, שפּילן יעדער אַן אַנדער זאַך. ס׳מישט זיך אויס מיט די קלאַנגען פון דרויסן. דער טאַטע כאַפּט זיך פאַר׳ן קאָפּ).

פאָרהאַנג.

געוואַלצענע באָב

(אַ סצענע אויף דער אָרעמער גאַס)

פּערזאָנען.

אַ אידענע, וואָס פאַרקויפט באָב.
סעם — אַ צייטונגס־פּאַרקויפער.
טאָני — אַ שיך־פּוצער.
אַ בלינדער.
אַ אינגל.
אַן אָלרייטניצע.
אסתר — אַ דערוואַקסן מיידל.
חנה'לע — אַ קליין מיידעלע.
וועלוול, לייזער — קליינע אינגלאַך.
מרים — אַ קליין מיידעלע.

אַן אָרימע גאַס. עס גייען דורך פאַרשיידענע מענטשן, וועלכע מען קען זען אין אַן אָרימער גאַס. עס זיצט אַ אידענע אויף אַ קעסטל און פּאַרקויפט באָב.

(עס לויפן אריין סעם און טאָני. סעם טראָגט צייטונגען; טאָני טראָגט אַ שיך־פּוצער'ס קעסטעלע. זיי באַטראַכטן די באָב. טאָני דער־לאַנגט דער אידענע געלט. שטעלט אונטער די קעשענע. די אידענע שיט אריין באָב אין זיין קעשענע).

די אידענע: נעבאַך, אַן אָרעמער איטאַליענערל האָט אויך ליב באָב. (צו סעמין) זאָג אים, ער זאָל עס באַלד אויפעסן. אין אַ קעשענע איז ניט גוט צו האַלטן באָב. פּונקט ווי א אידיש קינד

זעט ער אויס, אפּנים אַ פיין קינד, נאָר אַן איטאַליענער. נו, וואָס זאָל מען טאָן? עס זיינען דאָ אַ סך פעלקער און אַ סך צרות אויף דער וועלט.

(סאָני גייט אַוועק. סעם גיט דער אידענע געלט און שטעלט אונטער די קעשענע).

סעם: גיט אַ פולע קוואָרטעלע.

(די אידענע שיט אריין אַ קוואָרטעלע באָב אין זיין קעשענע. די קעשענע איז צעריסן, די באָב צעשיט זיך אויף דער ערד. סעם לאָזט זיך קלייבן די באָב פון דער ערד. עסט זיי).

סעם: צום טייוול! כ'האָב גאָר פארגעסן, אַז די קעשענע איז צעריסן.

די אידענע: ס'וואָלט ניט געשאַדט, מיין זון, ווען דו וואשסט פריער אָפּ די באָב. זע, ווי שמוציק זיי זיינען פון דער ערד.

סעם: יע, און עס וועט זיך אָפּוואשן די זאַלץ.

די אידענע: טוט מען ארויף אַנדערע זאַלץ. וואָס, ס'איז חלילה ביי אייך קיין זאַלץ ניטאָ?

סעם: כ'האָב נאָך היינט ניט געגעסן, און כ'בין הונגעריק אַז דער טייוול כאַפּט מיך.

אידענע: וואָס־זשע, דיין מאַמע גיט דיר ניט עסן?

סעם: מיין מאַמע איז אין שפּיטאָל.

אידענע: אוי וויי איז מיר! וואָס איז איר?

סעם: איך ווייס ניט.

אידענע: איז ביי וועמען עסטו?

סעם: ביים קענדי־סטאָר־מאַן.

אידענע: אוי, וויי איז מיר, קענדי איז אומגעזונט, די ציינדלאך ווערן קאַליע. (קוקט אויף זיינע ציין). טאַקע ביי דיר שווארץ די ציין. אַ יונג קינד דארף האָבן ווייסע, געזונטע ציין.

סעם: אַ יונג קינד דארף האָבן וואָס צו לייגן אין די ציין.

אידענע: טאַקע, טאַקע, ביסט אַ קלוג אינגעלע, אזא יאָר אויף מיר.

(סעם גייט אַרויס. עס קומט אַריין אַ בלינדער איד, געפירט פון אַ אינגל. דער בלינדער טראָגט אַ קוואָרטעלע. דאָס אינגל טראָגט אַ „פּאָני פּייפּער". ער קוקט אין די בילדער און לאַכט).

די אידענע: באָב, באָב! געשמאַקע געזאַלצענע באָב!

דאָס אינגל: זיידע, לאָמיר קויפן באָב!

בלינדער: אַלץ וואָס דו זעסט ווילסטו!

דאָס אינגל: אז דו וואָלסט דאָס געזען, וואָלסטו אויך געוואָלט.

בלינדער: שייגעץ איינער, וואָס מיינסטו, איך האָב אַזאַ טריפה האַלז ווי דו?

דאָס אינגל: איך האָב ניט קיין טריפה האַלז. זיידע, פאַר־וואָס זינגסטו ניט? זינג די נייע ליד.

בלינדער: כ׳וועל זינגען, אָבער דו היט, צי מ׳וואַרפט געלט פון די פענצטער.

דאָס אינגל: זינג, זינג, איכ׳ל היטן.

(דער בלינדער הייבט אָן זינגען. ווען ער זינגט, גנב׳עט דאָס אינגל ארוים אַ פּעני פון זיין קווערטעלע, קויפט באָב, עסט מיט אַפּעטיט, קוקט אריין אין „פּאַני" און אַמוזירט זיך).

בלינדער: (זינגט)

אוי, גוטע מענטשן, א נדבה טוט געבן,
איך וועל פאַר אייך זינגען פון מיין גאַנצן לעבן.
איך האָב געהאַט קינדער, איך האָב געהאַט רינדער
איצט בין איך אַן עלנדער, נעבעך, א בלינדער.
כ׳האָב קיינעם ניט באַ׳גזל׳ט, ביי קיינעם ניט פאַרנומען,
קיין מענטש זאָל ניט דאַרפן צו מענטשן אָנקומען,
צו וויינען און צו קלאָגן מיט טרערן ווי א שטראָם
פאַר דעם, וואָס דאַרף נעמען מתנת בשר ודם.
טאָ שענקט א נדבה, כ׳בין נעבעך, א בלינדער,
ווי פייגעלאַך זיינען צעפלויגן מיינע טייערע קינדער,
ווי א בוימעלע בין איך געבליבן אינמיטן פעלד.
אוי, שענקט א נדבה, גוטע מענטשן פון דער וועלט.

(ס׳גייט דורך אַן אַלרייטניצע מיט אוירינגלאַך, מיט אַ גרויסן האַנט־ביטל פון פּאַטשערקעס. זי הערט זיך איין, ווי דער בלינדער זינגט. עפנט דעם האַנט־ביטל, נעמט ארויס פּאַפּיר־געלט. זוכט אין האַנט־ביטל, געפינט ניט קיין פּעניס).

די אַלרייטניצע: אוי, איך האָב געמיינט, אז איך האָב א פּעני, ערשט איך האָב ניט.

דאָס אינגל: איר קענט געבן א ניקל, איר האָט א סך ניקלס.

די אַלרייטניצע: אַ אינגעלע טאָר ניט קוקן אין יענעמ'ס האנט־בייטל.

דאָס אינגל: קוקן אויך ניט? (די אַלרייטניצע גייט אַוועק.)

דער בלינדער: נו, קום מיין זון, דו האָלטסט אין איין קוקן, און אַלץ וואָס דו זעסט ווילסטו.

דאָס אינגל: איך האָב געזען אפשר הונדערט דאָלער ביי דער אַלרייטניצע, און איך האָב געוואָלט איין ניקל. זיידע, די האָסט אמאָל געזען אַ פולן בייטל מיט געלט?

דער בלינדער: יאָ, אמאָל, ווען איך האָב נאָך געהאַט מיינע אויגן.

דאָס אינגל: נו, האָסטו דאָס ניט געוואָלט?

דער בלינדער: נו, קום שוין, שייגעץ, קום! קוק בעסער, צי עס קומט אָן נאָך אַ רייכע דאמע. (זיי הייבן אָן ארויסגיין, דאָס אינגל קוקט אין „פּאָני".)

דאָס אינגל: זיידע, אוי, ווען דו קענסט לייענען די פּאָני פּיידזש! (ביידע אָפּ.)

די אידענע: (איז געווען פאראינטערעסירט אינים בלינדן, גיט זיך מיטאַמאָל אַ כאַפּ): באָב, באָב! געשמאַקע געזאַלצענע באָב.

(עס קומען אריין אסתר און חנה'לע. אסתר שטעלט זיך אָפּ פאַר־בינדן אַ שוך).

אידענע: באָב, באָב, געשמאַקע געזאַלצענע באָב!

חנה'לע: אסתר, די באָב איז געשמאַק?

אסתר: דו הערסט דאָך, ווי די אידענע זאָגט: געשמאַקע געזאַלצענע באָב.

חנה'לע: יאָ, אָבער —

אסתר: וואָס אָבערסטו, דו גלויבסט איר ניט?

חנה'לע: איך גלויב איר, אָבער נעכטן בין איך דורכגעגאַנגען מיט אונזער הילדא'ן זאָגט זי: פּע באָב, אויך מיר אַ מאכל.

אסתר: ביי הילדא'ן, אז עס איז ניט קיין טשאַפּסואי, איז עס ניט קיין מאכל.

חנה'לע: וואָס איז טשאַפּסואי?

אסתר: אַזאַ זאַך, וואָס מ'עסט אין טשאַפּסואי הייזער.

חנה'לע: וואָס איז טשאַפּסואי הייזער?

אסתר: וואו מ'עסט טשאפסואי. נו, איצט ווייסטו שוין?

חנה'לע: איך ווייס, אָבער איך ווייס ניט, וואָס טשאַפּ־סואי איז.

אידענע: באָב, באָב, געשמאַקע געזאַלצענע באָב!

חנה'לע: לאָמיר קויפן באָב. ס'איז א רחמנות אויף דער אידענע. זי בעט מ'זאָל קויפן.

אסתר: אז דו האָסט רחמנות אויף אן אָרעמער אידענע, איז א סימן, אז דו האָסט א גוט הארץ. גוט, מיר'ן קויפן באָב און אוועקגעבן די אָרעמע הונגעריגע קינדער.

חנה'לע — יאָ, טאַקע.

די אידענע: געשמאַקע געזאַלצענע באָב!

(די מיידלאַך גייען צו קויפן באָב, אסתר גיט דער אידענע געלט).

אידענע: פאַר וויפיל ווילסטו, טאָכטערשי?

אסתר: פאַר א קוואָדער.

אידענע: פאַר א גאַנצן קוואָדער! וואו וועסטו דאָס לייגן?

אסתר: (נעמט אַרויס א טיכעלע פון האנט־בייטל, נעמט עס פאנאנדער פאַר די באָב): גיט מיר דאָ פאַר צוויי פעניס, דאָס איבעריגע וועל איך ביי אייך אָפּנעמען אן אנדערשמאָל.

חנה'לע: און די באָב וועלן מיר אוועקגעבן צו די אָרימע קינדער.

אסתר: חנה'לע!

חנה'לע: וואָס?

אסתר: דו רעדסט נארישקייטן!

חנה'לע: דו האָסט אַליין געזאגט.

אידענע: נו, נו, ס'מאַכט ניט. איך ווייס, רייכע קינדערלעך עסן ניט קיין באָב. אָבער איר האָט גוטע הערצעלעך, א לעבן אויף אייך, און איר גיט צו לייזן אן אָרימער אידענע. גאָט זאָל אייך געבן געזונטע פריילאכע יאָרן, מיט אייערע טאַטעס, מיט אייערע מאַמעס, מיט אייערע שוועסטער, מיט אייערע ברידער.

אסתר: א דאנק, באָבעשי, פאַר אייערע ברכות. זייט געזונט! קום, חנה'לע!

אידענע: גייט געזונט! (זי נעמט זיך ארײנקוקן אין א ספר. אַביסל שפּעטער דרעמלט זי איין.)

(די מיידלאך גייען אוועק, עס קומען אריין וועלוול און לייזער. וועלוול עסט אַן עפּל).

לייזער: וועלוול, אז דו'סט אויפעסן דעם עפּל, וועסטו מיר געבן דעם קאָר?

וועלוול: ס'וועט ניט זיין קיין קאָר.

לייזער: וועלוול, דו ביסט א גרויסער פרעסער!

וועלוול: ווער, איך? מיין מאַמע קאָכט אפילו ניט קיין טיי. זי ליגט אין בעט און וואַרט.

לייזער: אויף וואָס וואַרט זי?

וועלוול: זי וואַרט, דער טאַטע זאָל קומען און זאָל איר מאַכן עפּעס צום עסן.

לייזער: פאַרוואָס ליגן מאַמעס אין בעט?

וועלוול: איך ווייס ניט. מסתמא ווייל זיי זיינען קראַנק.

לייזער: פאַרוואָס זיינען זיי קראַנק?

וועלוול: פון וואַנען זאָל איך וויסן? זיי זיינען קראַנק און שוין!

לייזער: עס זיינען דאָ מאַמעס, וואָס זיינען ניט קראַנק.

וועלוול: דאָס קען ניט זיין.

לייזער: דאָס קען יאָ זיין.

וועלוול: ביי וועמען?

לייזער: ביי מיליאָנערן.

וועלוול: האָסטו אמאָל געזען א מיליאָנער?

לייזער: אודאי האָב איך געזען.

וועלוול: וואו?

לייזער: אין א צייטונג.

וועלוול: ווי זעט ער אויס?

לייזער: ער זעט אויס אַלט. אָבער ער איז שיין אָנגעטאָן, האָט ערשט חתונה געהאַט און זיין ווייב איז יונג און שיין און זעט אויס ווי א מואווי אקטריסע.

וועלוול: ס'מוז זיין גוט צו זיין א מיליאָנער. אָבער איך וואָלט געוואָלט זיין א יונגער מיליאָנער.

לייזער: א מיליאָנער קען ניט זיין קיין יונגער.

וועלוול: פאַרוואָס?

לייזער: פאר אזוי.

וועלוול: אויב אזוי, ווייל איך נים זיין קיין מילאָנער.

לייזער: איך וועל זיין א מואווי אקטיאָר.

וועלוול: איך וועל זיין — איך ווייס נאָך ניט וואָס איך וועל זיין, אָבער איך וועל חתונה האָבן מיט א מואווי אקטריסע.

לייזער: איך אויך.

אידענע: (כאַפּט זיך אויף פון דרעמל) נאַרישע קינדער! וואקסט בעסער אוים גוטע פרומע אידן! באָב, באָב, געשמאַקע געזאַלצענע באָב!

לייזער: דו האָסט ליב באָב?

וועלוול: ווער האָט עס ניט באָב?

לייזער: די רייכע.

וועלוול: פון וואַנען ווייסטו?

לייזער: ווייל אין די רייכע גאַסן זיינען ניטאָ קיין אידענעס מיט באָב.

וועלוול: ביסט גערעכט, אָבער פאַרוואָס האָבן די רייכע ליים ניט ליב באָב?

לייזער: ווייל זיי עסן בעסערע זאכן ווי באָב.

וועלוול: ס'איז דען דאָ בעסערע זאכן?

לייזער: ס'איז דאָ, אודאי.

וועלוול: וואָס? (זיי הייבן אָן אַוועקגיין.)

לייזער: ס'איז דאָ קוכן, שאָקאָלאַד, אייז־קרים, עפּל־פּלאָדן, ניס, וואפלס, געבראָטענע קאַטשקע... (אָפּ.)

די אידענע: באָב, באָב, געשמאַקע געזאַלצענע באָב! (קרימט זיך. סיקומט צולויפן מרים.)

מרים: אוי, באָבעשי, ס'האָט דיר שוין ווידער אָנגעכאַפּט?

אידענע: יאָ, מיין ליב קינד.

מרים: באָבעשי, דו דאַרפסט ניט שטיין אין גאַס, אז דו ביסט קראַנק. קום אהיים. אויב ס'וועט זיין צוקער וועל איך פאַר דיר מאַכן טיי.

אידענע: פון וואַנען זאָל זיין צוקער, אז דיין טאַטע האָט שוין צען וואָכן ניט געאַרבעט?

מרים: די מאַמע האָט נעכטן געאַרבעט ביי א רייכער פרוי. אפשר האָט זי מיטגעגעבן צוקער.

אידענע: רייכע פרויען פאַלט ניט איין, אז אָרימע דאַרפֿן צוקער.

מרים: פֿאַרוואָס זיינען די רייכע אַזוי שלעכט, באָבעשי?

אידענע: גיי, ביסט אַ קינד, דו וועסט ניט פֿאַרשטיין.

מרים: באָבעשי, כ'בין שוין אין פערטן גרייד!

אידענע: אין פערטן וואָס?

מרים: אין פערטן גרייד?

אידענע: (כאַפּט זיך ווידער פאַרין זייט.) אוי, ווי איז מיר, ס'שטעכט שוין ווידער. א גלעזל טיי וואָלט מיך דערהאַלטן, אוי, ווען ס'איז דאָ א שטיקל צוקער!

מרים: קום, באָבעשי, אפשר איז דאָ.

אידענע: נו גוט, מירן טאַקע באַלד גיין.

מרים: באָבעשי דו ווייסט ניט וואָס דער פערטער גרייד איז?

אידענע: יאָ טאַקע, וואָס איז דאָס ביי דיר פאַר א פערטער גרייד?

מרים: איך בין אין פערטן גרייד אין סקול!

אידענע: אָ, אין סקול, נו איז דאָס גוט?

מרים: אודאי איז דאָס גוט. נאָך דריי יאָר וועל איך ענדיקן סקול.

אידענע: אַזוי? ענדיקן סקול? פיין, פיין, מיין קינד. דו וואקסט א חכמה.

מרים: טאָ וואָס האָסטו געזאָגט, אז איך בין אַ קינד און פֿאַרשטיי ניט?

אידענע: (הייבט אָן לאַנגזאַם אַרויסגיין, מרים פירט זי.) נו, אז דו פֿאַרשטייסט, בין איך צופרידן. אז דו'סט מירצעשעם ענדיקן סקול, וועסטו זיין זייער געלערנט?

מרים: אודאי.

אידענע: טאַקע זייער פ"ין. דיין טאַטע זאָל דיך כאָטש ניט קאַליע מאַכן מיט זיינע מאָדנע רייד. איז ווי דענקסטו, ס'איז דאָ צוקער אין הויז?

מרים: אפשר.

(פֿאָרהאַנג.)

רויע טאָרט

(אַ קינדער סצענע)

פּערזאָנען:

דוד׳ל — קינדער פון זעקס יאָר.
מאָטעלע — קינדער פון זעקס יאָר.
דאָס אינגעלע. פינף יאָר.
דוד׳ל מאַמע.

די סצענע איז אַ גאַניק לעבן אַ הויז.

פון הויז גייען ארויס דוד׳ל און מאָטעלע. מאָטעלע טראָגט אַ שיסל פּאַרמישטע טאָרט. זיין פּנים איז פאַרשמירט מיט די רויע טאָרט. קענטיק, ער האָט געלעקט. זיי קומען ארויס רוידנדיק. ט

דוד׳ל: לאָמיר זיך דאָ אוועקזעצן אויפן גאַניק. אז דוס׳ט וועלן וועל איך דיר אויך געבן אביסל צו מישן די טאָרט.

מאָטעלע: דיין מאַמע וועט דיך שלאָגן, מ׳טאָר ניט טשעפּענען טאָרט.

דוד׳ל: מיין מאַמע האָט זיך געלייגט שלאָפן, זי וועט ניט וויסן. (זיי זעצן זיך. דוד׳ל האַלט דאָס שיסל אין שויס און פּאַטשקעט אין דעם מיט אַ לעפל).

מאָטעלע: מיין מאַמע באַקט קיינמאָל ניט קיין טאָרט.

דוד׳ל: פאַרוואָס?

מאָטעלע: זי קויפט געבאַקענע.

דוד׳ל און דו האָסט נאָך קיינמאָל ניט געלעקט אַ רויען טאָרט?

מאָטעלע: ניין.

דוד'ל: ס'איז זייער געשמאק. ס'איז אַ מיליאָן מאָל געשמאַקער ווי פּאַרטיקע טאָרט. ווילסט פּאַרזוכן?

מאַמעלע: (רוקט זיך צו צו דודילען מיט אַ מינע ווי די סלינע וואָלט אים איבערגעלאָפן) יאָ, דוד'ל, גיב מיר אַ לעק.

(דוד'ל טראָגט אים אונטער די שיסל. ער לעקט און שמירט זיך איין דאָס פּנים, דוד'ל נעמט צו דאָס שיסל. ביידע לעקן אַלע ווײַלע פירענדיק דעם געשפּרעך).

דוד'ל: איאָ, ס'איז געשמאַק?

מאַמעלע: איך ווייס ניט צו וואָס מ'דאַרף באַקן טאָרט, אַז רויע איז אַ סך געשמאַקער.

דוד'ל: איך ווייס פאַרוואָס.

מאַמעלע: פאַרוואָס?

דוד'ל: ווייל מאַמעס לעקן קיינמאָל ניט די רויע טאָרט און זיי ווייסן ניט ווי געשמאַק עס איז.

מאַמעלע: יאָ, טאַקע, אָבער מאַמעס זיינען אַמאָל געווען קליינע מיידעלאַך, האָבן זיי געלעקט רויע טאָרט.

דוד'ל: אָבער דאָס איז געווען אַזוי לאַנג צוריק, אַז זיי האָבן פאַרגעסן.

מאַמעלע: ווי מיינסטו, דוד'ל, מיר וועלן אויך זיין אַמאָל אַזוי גרויס ,אַז מיר וועלן פאַרגעסן ווי גוט עס איז צו לעקן רויע טאָרט?

דוד'ל: איך וועל דאָס ניט פאַרגעסן.

מאַמעלע: איך וועל דאָס אויך ניט פאַרגעסן.

דוד'ל: אַז איך וועל זיין גרויס וועל איך זאָגן צו מיין ווייב זי זאָל ניט אויסבאַקן די טאָרט, און מיר'ן זיך אָנגיסן פולע שיסלען מיט רויע טאָרט און מיר'ן עס זופּן מיט אַ לעפל.

מאַמעלע: דאָס איז טאַקע זייער גוט. אָבער דו וועסט דען חתונה האָבן?

דוד'ל: ווי דען? מע מוז דאָך חתונה האָבן אַז מ'ווערט גרויס.

מאַמעלע: מע מוז ניט. איך האָב אַן אָנקל איז ער גרעסער פון מיין פּאַפּאַ און ער האָט ניט חתונה געהאַט. און איך וועל אויך ניט חתונה האָבן.

דוד׳ל: אויב אזוי וועל איך אויך ניט חתונה האָבן. (טראַכט אַ ווײַלע) אָבער ווער וועט אונז געבן עסן אז מירן ניט האָבן קיין מאַמע?

מאַטעלע: מירן עסן אין א רעסטאָראַן.

דוד׳ל: אין אַ רעסטאָראַן! דאָס איז גוט! איך האָב ליב עסן אין א רעסטאָראַן, אָבער ווי מיינסטו, מאַטעלע, מ׳קען קריגן רויע טאָרט א פולע שיסל אין אַ רעסטאָראַן?

מאַטעלע: אין אַ רעסטאָראַן קען מען קריגן וואָס מ׳וויל.

דוד׳ל: (טראכט אַ ווײַלע) אָבער איך האָב מורא אריינצוגיין אין א רעסטאָראַן.

מאַטעלע: אז מען איז גרויס, האָט מען פאר קיין זאך קיין מורא ניט

דוד׳ל: אָבער אין רעסטאָראַן וועלן מיר גיין ביידע צוזאַמען, יאָ?

מאַטעלע: אודאי.

דוד׳ל: (פּאַטשט זיך אין די קני פאר צופרידנקייט) אוי ווי גוט! אוי ווי גוט! איך וועל זיך הייסן דערלאַנגען אַ פולע שיסל ברייטע לאָקשן. (בײַט דעם טאָן) מאַטעלע, וועלכע לאָקשן האָסטו ליב, ברייטע צי שמאָלע?

מאַטעלע: איך האָב אינגאנצן פיינט לאָקשן.

דוד׳ל: (פארוואונדערט) ווי קען מען דאָס פיינט האָבן לאָקשן?

מאַטעלע: איך האָב ליב לאַטקעס. (עס שפּריצט ארונטער וואסער אויף מאַטעלן, ער גיט זיך א כאַפּ) אוי, דוד׳ל, עס רעגנט!

דוד׳ל: (שטעלט אונטער די האנט, קוקט אין דער הויך) עס רעגנט ניט, עס דוכט זיך דיר. (פּאַוזע. ביידע טראַכטן).

מאַטעלע: דו ווייסט ווי מען מאכט רעגן?

מאַטעלע: מען מאַכט ניט קיין רעגן, עס רעגנט אליין.

דוד׳ל: ווי קען עס רעגענען אליין?

מאַטעלע: (טראכט א ווײַלע) אז דער הימל איז שמוציק, וואַשט מען אים מיט אַ סך וואסער, גיסט זיך אראָפּ דאָס וואסער, ווערט א רעגן.

דוד׳ל: ס׳איז ניט אמת. דער הימל איז ניט שמוציק און מ׳וואַשט אים ניט; צו וואָס דאַרף מען אים וואַשן?

מאַטעלע: מ׳דאַרף אָפּוואַשן די שוואַרצע שמאַטעס.

דוד׳ל: די שוואַרצע שמאַטעס! דאָס זיינען דאָך די וואָלקן.

מאַטעלע: וואָס איז דאָס וואָלקן?

דוד׳ל: וואָלקן איז — וואָלקן. איך קען אַ ליד, מיין מאַמע זינגט עס. (זינגט):

עס לויפן עס יאָגן די שוואַרצע וואָלקן,
און עס ווייעט אַ ווינט.
פון סיביר שיקט דיר דיין טאַטע
אַ גערוס צו דיר מיין קינד.

מאַטעלע: דאָס איז אַ שיין ליד, אָבער איך ווייס ניט וואָס וואָלקן זיינען.

דוד׳ל: און איך ווייס ניט ווי עס רעגנט אליין.

מאַטעלע: איך ווייס.

דוד׳ל: ווי?

מאַטעלע: (טראַכט אַ ווײַלע) דער הימל איז אַלט און צוריסן און אַז די מלאכים באָדן זיך גיסן זיי אַ סך וואַסער ווייל זיי מוזן זיין ריין.

דוד׳ל: נו?

מאַטעלע: נו, גיסט זיך דורך דאָס וואַסער דורכן לעכערדיקן הימל, ווערט אַ רעגן.

דוד׳ל: אהאַ, איצט ווייס איך שוין. (טראַכט אַ ווײַלע) אָבער אַז גאָט וועט מאַכן אַ נייעם הימל, וועט ניט רעגענען?

דוד׳ל: גאָט וועט ניט מאַכן קיין נייען הימל.

מאַטעלע: פאַרוואָס?

דוד׳ל: ווייל ס׳גייט אַוועק אַ סך וואַרע און ס׳וועט קאָסטן אַ סך געלט. (עס שפּריצט ווידער אַרונטער אויף מאַטלען. ער שפּרינגט אויף).

מאַטעלע: דוד׳ל, עס רעגנט!

דוד׳ל: ניין, עס רעגנט ניט.

מאַטעלע: אָבער ס׳איז אַראָפּגעפאַלן וואַסער אויף מיר.

דוד׳ל: דאָס האָט מסתמא עטעלעס מאַמע אויסגעגאָסן אַ טעפּל וואַסער דורכן פענסטער.

מאָטעלע: מ׳טאָר דאָך ניט גיסן וואַסער דורכן פענסטער.

דוד׳ל: טאַטעס מיט מאַמעס מעגן אַלץ.

מאָטעלע: פאַרוואָס מעגן זיי אַלץ?

דוד׳ל: ווייל ס׳איז ניטאָ קיינער וואָס זאָל זיין גרעסער פון זיי, וואָס זאָל זיי קענען שלאָגן.

מאָטעלע: פאַרוואָס איז ניטאָ קיינער גרעסער פון זיי וואָס זאָל זיי קענען שלאָגן?

דוד׳ל: איך ווייס ניט. און ס׳וואָלט סיי ווי סיי ניט געווען שיין מ׳זאָל שלאָגן טאַטעס מיט מאַמעס.

מאָטעלע: דו ביסט גערעכט, אָבער ווען מ׳שלאָגט די טאַטעס מיט די מאַמעס וואָלטן זיי געוואוסט ווי עס טוט ווי און זיי וואָלטן אונז ניט געשלאָגן.

דוד׳ל: זיי ווייסן אַז עס טוט אונז ווי און זיי שלאָגן סיי ווי.

מאָטעלע: פאַרוואָס?

דוד׳ל: מסתמא ווייל מיר זיינען שלעכט.

מאָטעלע: פאַרוואָס זיינען מיר שלעכט?

דוד׳ל: פון וואַנען זאָל איך ווייסן. מיר זיינען שלעכט און שוין.

מאָטעלע: אָבער מיר זיינען ניט שלעכט (עס שפּריצט ווידער אַרונטער וואַסער אויף מאָטעלן, ער גיט זיך ווידער אַ כאַפּ.) דוד׳ל, עס רעגנט!

דוד׳ל: עס רעגנט ניט, זיץ, זיץ, און זאָג מיר בעסער פאַר־וואָס האָסטו ניט ליב קיין לאָקשן? (עס קומט אָן אַ וויינענדיקער אינגעלע. ער קוקט זיך אום פאַרלאָרן, מאָטעלע גייט צו צו אים.)

מאָטעלע: אינגעלע, וואָס וויינסטו?

אינגעלע: איך האָב פאַרלאָרן מיין מאַמען. (וויינט)

מאָטעלע: וויין ניט אינגעלע, קום, זעץ זיך אַוועק, דוד׳לס מאַמע וועט דיך אהיים פירן. (ער פירט צו דאָס אינגעלע צום גאַניק און זעצט אים אַוועק. דאָס אינגעלע וויינט און כאַפּט אַלע מאָל אַ קוק אויף דער שיסל טאָרט.)

דוד׳ל: מיין מאַמע קען די גאַנצע שטאָט, זי וועט דיך אהיים פירן. וואו וואוינסטו?

אינגעלע: איך ווייס ניט.

דוד׳ל: דו ווייסט ניט וואו דו וואוינסט?

אינגעלע: איך וויים ניט, און איך וויים ניט וואו מיין מאמע איז און איך וויל מיין מאמען! (וויינט)

מאַטעלע: ווייסטו וואָס, דוד׳ל, לאָמיר אים צופירן צו א פּאָליסמאַן. דער פּאָליסמאַן וועט אים נעמען אין פּאָליס סטיישאָן.

אינגעלע: (שרייט) ניין, ניין! איך וויל ניט! איך האָב מורא!

דוד׳ל: (צו מאַטעלען) ווייסטו וואָס? איכ׳ל גיין רופן מיין מאַמען!

אינגעלע: איך וויל ניט דיין מאַמען, איך וויל מיין מאַמען!

דוד׳ל: ווייסטו וואָס מאַטעלע? לאָמיר גיין זוכן זיין מאַמען.

מאַטעלע: יאָ, לאָמיר.

(פאַרן אַוועקגיין נעמען זיי זיך צום לעקן די טאָרט. דאָס אינגעלע ווערט פאַראינטערעסירט אין די טאָרט, הערט אויף וויינען).

דאָס אינגעלע: איך וויל אויך א לעק.

(דוד׳ל גיט אים די שיסל. ער לעקט און שמירט זיך אויס. עס הערט זיך דוד׳לס מאַמע׳ס שטימע):

דוד׳ל קום אריין טרינקען דיינע מילך!

דוד׳ל: אוי, מיין מאַמע איז שוין אויפגעשטאַנען!

מאַטעלע: זי וועט ארויסגיין און וועט זען אז דו לעקסט די טאָרט וועט זי דיך שלאָגן.

דוד׳ל: זי וועט ניט ארויסגיין.

מאַטעלע: פון וואַנען ווייסטו?

דוד׳ל: איך וויים.

דער מאַמעס שטימע דוד׳ל, קום אריין טרינקען דיינע מילך!

דוד׳ל: אוי, ווי איך האס מילך!

מאַטעלע: איך אויך.

דוד׳ל: דו ווייסט ווי דער מילכמאַן מאַכט מילך?

מאַטעלע: דער מילכמאַן מאַכט ניט קיין מילך.

דוד׳ל: ווער דען?

מאַטעלע: דער גראָסערימאַן מאַכט די מילך.

דוד׳ל: אָבער די מילך איז ניט געשמאַק.

מאַטעלע: דו ווייסט וואָס איך טו מיט די מילך?

דוד׳ל: וואָס?

מאַטעלע: אז ז״י מאמע גייט אוועק, גיס איך עס אריין אין אונזער וואזע.

דוד׳ל: דאָס איז טאַקע גוט, אָבער מיר האָבן ניט קיין וואזע.

מאַטעלע: ווייסטו וואָס?

דוד׳ל: וואָס?

מאַטעלע: שטעל אוועק א טעפל אונטערן טיש און אז די מאמע זעט ניט — פליוך! די מילך אין טעפל.

דאָס אינגעלע: און דאָס טעפל מיט די מילך גיב מיר.

דוד׳ל: דו האָסט דען ליב מילך?

דאָס אינגעלע: איך בין הונגעריק.

דוד׳ל: גוט, וואַרט דאָ וועל איך דיר ארויסטראָגן דעם טעפל מיט די מילך.

מאַמעס שטימע: דוד׳ל! וואו ביסטו אהינגעקומען?

מאַטעלע: איך האָב מורא דיין מאמע וועט ארויסקומען, לאָמיר בעסער אנטלויפן.

דוד׳ל: מיר דארפן ניט אנטלויפן. מיר׳ן בלויז באהאלטן די שיסל מיט טאָרט.

אינגעלע: גיב מיר נאָך א לעק.

דוד׳ל: (גיט אים) ווייסט איר וואָס? מיר׳ן גאָר אויסטרינקען דאָס גאנצע טאָרט, און מיר׳ן באהאלטן דאָס שיסל.

אינגעלע: (דערפרייט) יאָ, טאַקע! (ער גיט זיך אַ לאָז צום שיסל. אלע דריי זופן די טאָרט און שמירן זיך אויס די האָר און די קליידער, דאָס שיסל ווערט ליידיק. דודיל באהאלט דאָס שיסל אונ־טערין גאניק זיי זעצן זיך אויס אין א ריי אויפן גאניק און שווייגן מיט מינעס פון געמאכטע אומשולדיקייט. די פּאָזע איז כאראקטער־ריסטיש און קאָמיש. זיי האלטן די פּאָזע א פּאָר מינוט.)

דער מאַמעס שטימע: דוד׳ל, קום שוין אריין, זאָג איך דיר, טרינקען די מילך!

דאָס אינגעלע: (צו דודילען) דאָס טעפל מיט מילך זאָלסטו מער ניט ארויסטראָגן.

דוד׳ל: פארוואָס?

אינגעלע: ווייל איך וויל ניט קיין מילך.

דוד'ל: מאָרגן וועסטו קומען אהער, וועל איך עס פאר דיר ארויסטראָגן.

דאָס אינגעלע: מאָרגן אויך ניט.

דוד'ל: פארוואָס?

אינגעלע: ווייל איך וועל שוין קיינמאָל גאָר נישט וועלן.

מאָטעלע: דיין מאמען אויך ניט?

אינגעלע: (גיט זיך אַ כאַפּ ווי ער וואָלט זיך דערמאָנט) יאָ, די מאמען יאָ, אָבער איך האָב מורא זי וועט מיך שלאָגן.

מאָטעלע: פארוואָס?

אינגעלע: איך ווייס ניט פארוואָס.

מאָטעלע: אפשר ווייל דו האָסט איר פארלאָרן?

אינגעלע: יאָ, אפשר דערפאר.

דוד'ל: אָבער דו ביסט דאָך ניט שולדיק.

אינגעלע: דאָס איז גארניט.

דוד'ל: ווייסטו וואָס? איך וועל זאָגן מיין מאמען זי זאָל דיך אריינעמען צו אונז, וועסטו האָבן א נייע מאמען, מיין מאמע איז סיי ווי די שענסטע מאמע אין דער וועלט.

מאָטעלע: ניט אמת, מיין מאמע איז די שענסטע מאמע אין דער וועלט.

דוד'ל: מאָטעלע, איך וועל ניט גיין מיט דיר אין רעסטאָראן.

מאָטעלע: מיך ארט ניט. איך וועל גיין אליין ווי מיין אָנקל.

דוד'ל: דאָס אינגעלע וועט זיין מיין ברודער וועט ער גיין מיט מיר, (צום אינגעלע) וועסט גיין מיט מיר אין רעסטאָראן?

אינגעלע: (קוקט אים אָן פארוואונדערט) וואָסער רעסטאָראן?

(עס דערהערט זיך דער מאַמעס טריט. זיי בלייבן זיצן שטיל, אין זייער געמאַכטער אומשולדיקער פּאָזע.

די מאַמע קומט ארויס. דערזעט די אומשולדיקע פּנים'ער פאַר־שמירט מיט רויע טאָרט, דערמאַנט זיך אַז זי האָט איבערגעקערט דאָס הויז זוכנדיק דעם טאָרט און ווערט אויפגעבראַכט. זי שטעלט זיך אַנטקעגן די קינדער מיט די הענט אויף די היפּטן און שמידט זיי צו צו די ערטער מיט איר צאָרנדיקן בליק. זיי ווערן ווי פאַרגליווערט פון שרעק.

זי כאַפּט אָן דוד'לען פאר אַ חענטל, טרייסלט אים און שרייט).

מאַמע: דו שד'ל איינער! זאָג מיר! קען איך לעבן פון דיר, צי ניין?

דוד'ל: (ציטערנדיק) נ־נ־ניין.

מאַמע: וואָס ניין!

דוד'ל: י־י־יאָ.

מאַמע: וואָס יאָ!

דוד'ל: אי־אי — איך ווייס ניט.

(די צוויי קינדער אַנטלויפן. די מאַמע שלעפּט דוד'לען אין הויז).

מאַמע: אוי, ועסטו ביי מיר קריגן!

(אָפּ אין הויז. עס הערן זיך דוד'לס געשרייען).

(פאָרהאנג)

ב א מ ע ר ק ו נ ג:

איך האָב געמוזט דורכלאָזן אַנגליציזמען אין די רייד פון „וואונ־דערקינדער", ווייל די סצענע איז גענומען פון דער אידישער געטאָ אין ניו יאָרק.

ס'איז ראַטזאַם צו דערקלערן וועגן דעם די קינדער וואָס וועלן עס שפּילן און זען שפּילן.

ל. ק. ה.